# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn no. 148 - Autumn 2006 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/1q85j44r

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 148(1)

**Author**
Admin, LAYCC

**Publication Date**
2006

**Copyright Information**
Copyright 2006 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 148

**האַרבסט**
**תשס"ז**

**AUTUMN**
**2006**

# אינהאַלט


ר. באַסמאַן בן־חיים: ליד ........ 3

מ. שקליאַר: יצחק מאיר ווייסענבערג ........ 4

ש. סימכאָוויטש: לידער ........ 11

מ. וואָלף: דער קאַמף פאַר שבות ........ 12

ל. מייזנער: די נשמה־טענער פון שרייבער מענדל מאַן: ........ 17

מ. שטערן: לידער ........ 21

מ. אייזענבוד: ניט פאַרשעמט דעם טאַטן (דערציילונג) ........ 23

פּ. פלאָטקין: לידער ........ 33

מ. וואָלף: דער פּאָגראָם איבער די יידן אין איראַק ........ 34

מ. שקליאַר: לידער ........ 37

אַ. שאַפּיראַ: ביי דער גוססדיקער מאַמען (דערציילונג) ........ 39

מ.ד. חייט: ווי אַ דונער פון הימל ........ 44

ע. פישבין: די דראַמע פון פאַני מענדעלסזאָן ........ 49

ל. פראַלאָוו: דער ייד פונעם הקדש ........ 58

ח. פּיעקאַזש: צבי אייזנמאַן - דער שרייבער פון איינזאַמקייט ........ 62

* אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........ 65

* כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........ 66

לילקע: אונדזער אבדות ........ 67

מ. קאָראַל: ליד ........ 69

באַגריסונגען ........ 70

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

## אַלע אונדזערע אַבאָנענטן,

## לייענער און מיטאַרבעטער

## ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט,

## גליק און שלום.

*רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג*
*פון "חשבון"*


HESHBON
*PERIODIC LITERARY REVIEW*
8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**JACOB LEWIN,**
6365 Orange St. CA 90048 - Tel. 323 939 7379

Members: **L. MEISNER, Z. MALEVITZ, N. STEINMAN, J. SOSKI**

# חשבון

נומ. 148

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

פּעריאָדישע שריפט
פֿאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
יעקב לעווין, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יוסף סאָסקי
נתן שטיינמאַן

61־ער יאָרגאַנג, נומער 148 • האַרבסט 2006 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


## צו חשבון – פרילינג תשס"ו

*אין שייכות מיט די 80 יאָר טעטיקייט פון יידישן קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס, צו די 60 יאָר חשבון,*

**טייערע לילקע מייזנער, משה שקליאַר און איעדערן פון אייך, וואָס איז ממשיך אַרויסברענגען אַלטע און נייע שפּראָצן פון אונדזער יידישער קולטור –**

**מיר באַגריסן אייך און ווינטשן אייך געזונט, כח פאַר אייער שעפערישן המשך**

**יידישער שרייבער און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל – בית לייוויק**

**דניאל גלאַי רבקה באַסמאַן בן־חיים**

## צו די פריינד פון יידישן קולטור־קלוב

מיר זיינען אַלע יורשים
און אַלע זיינען מיר ווי ניי געבוירן,
אַ מאָל באַשווערט אונדז די ירושה
אַ מאָל צעבליט זי דעם זכרון

מיר גייען מיט און זינגען
מיט בלום און אויך מיט דאָרן
ווי אין דעם בוים די רינגען
אין אונדז די לאַסט פון יאָרן

און אויך די טרער באַגלייט אונדז
ניט איין מאָל אויף די וועגן
נאָר תמיד רופט אַ המשך
פון יידיש וואָרט אַנטקעגן

צו אייך איז אונדזער ניגון
שוין אין די זעלבע יאָרן,
זאָל זיין ווי תמיד אָנהייב
ווען ס'ווערט אַ טרוים געבאָרן.

**רבקה באַסמאַן בן־חיים 14.5.2006**

משה שקליאַר

# יצחק מאיר ווייסענבערג

## צו זיין 125־סטן געבוירנ־יאָר



זינט דער לוויה פון פרצן, אין יאָר 1915, האָט וואַרשע נישט געהאַט געזען אַזאַ מאַסע יידן נאָכגיין אַן ארון וואָס ציט צום גענשער בית עלמין. דאָס יידישע וואַרשע האָט, ווייזט אויס, אינסטינקטיוו אָפּגעפילט, אַז מיטן אַוועקגיין פון יצחק מאיר ווייסענבערגן גייט אַוועק אַן עפּאָכע, אַן עפּאָכע וואָס איז פאַרבונדן געווען מיטן אויפקום און אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור; גייט אַוועק דער לעצטער נישט־געקרוינטער קלאַסיקער וואָס האָט געהאַט אויפגעשטעלט אַ לעבעדיקן מאָנומענט דעם יידישן שטעטל.

אין דער לופט איז שוין דעמאָלט געהאָנגען די זיך אָנרוקנדיקע קאַטאַסטראָפע. דער אַנטיסעמיטיזם אין פוילן האָט אַלץ מער אויפגעדעקט זיינע שאַרפע נעגל און ציין; די פּאָגראָמען אין שטעט און שטעטלעך האָבן צעטרייסלט דאָס איינגעפונדעוועטע יידישע לעבן, אָבער דאָך האָט זיך קיינער נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז בלויז אין אַ יאָר אַרום וועט זיך אָנהייבן די טראַגישע תקופה, וואָס איז היינט באַקאַנט אונטערן נאָמען האָלאָקאָסט, וועט זיך אָנהייבן די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע, וועט זיך אָנהייבן דער דריטער חורבן וועמענס אורשפרונג איז געווען דער אַריינמאַרש פון די היטלער־חיילות קיין פוילן אין סעפּטעמבער 1939.

צעשטערט איז געוואָרן דאָס יידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע, חרוב איז געוואָרן דאָס יידישע לעבן אין פוילן. געבליבן זענען דאָרט בלויז נעמען פון יידישע שטעט און שטעטלעך, געבליבן זענען דאָרט בלויז צעשטערטע בית־עלמינס און מצבות צו וועלכע יידן פון אַלע עקן וועלט זענען איצט עולה רגל. אָבער מצבות זענען שטום. מצבות זענען בלויז סימבאָלן, באַווייזן פון אַ לעבן וואָס איז געווען. וויל מען באמת זיך באַהעפטן מיט יענעם פאַרשוווּנדענעם לעבן, וויל מען דערקענען זיין אַלזייטיקייט, דאַרף מען זיך ווענדן צו דער יידישער ליטעראַטור - דער היינטצייטיקער, ווו די טעמע פון אַמאָליקן יידישן לעבן־שטייגער מיט אַלע זיינע פּראָבלעמען און אַספּעקטן גייט נישט אַראָפּ פונעם סדר היום - און דער אַמאָליקער, דער קלאַסישער און נאָך קלאַסישער; דאַרף מען זיך ווענדן צו מענדעלען, שלום עליכמען, פּרצן, אַשן, אָפּאַטאָשון, בערגעלסאָנען; דאַרף מען זיך ווענדן צו יצחק מאיר ווייסענבערגן.

נאָך ווייסענבערגס פריצייטיקן טויט (ער איז אַלט געווען סך הכל 60 יאָר) און אפשר עטוואָס יינגער, (די דאַטע פון זיין געבוירן איז נישט אינגאַנצן קלאָר), האָט אין די יידישע ליטעראַרישע קרייזן זיך צעפלאַקערט אַ דיסקוסיע, וואָס איז נאָך ביז היינט

נישט געלעזט געוואָרן: ווער איז אונדזער פערטער קלאַסיקער? וואָס שייך מענדעלען, פּרצן און שלום־עליכמען איז דאָך קיין פראַגע נישט. זיי האָט דאָס לעבן אַליין געקרוינט ווי די קלאַסיקער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. זענען זיי דאָך געווען די ערשטע צו שלייפן און מאָדערניזירן דאָס יידישע ליטעראַרישע לשון; זענען זיי דאָך געווען די שעפער פונעם מאָדערנעם יידישן ראָמאַן און נאָוועלע; פון אָריגינעלן יידישן הומאָר און סאַטירע, דערגרייכנדיק שלימות אין די אַלע זשאַנרען. די טיפן און געשטאַלטן וואָס זיי האָבן אַרויסגעבראַכט אין זייערע ווערק זענען אַריין ווי סימבאָלן אינעם יידישן לעבן. בלויז צו דערמאָנען מענדעלעס בנימין און סענדערל אָדער פישקע דער קרומער, פּרצעס רבי שלמה פון "די גאָלדענע קייט", אָדער שלום־עליכמס טביה און מנחם מענדל. היינט גלופּסק, קאַסרילעווקע און טונעיאַדעווקע... אוודאי האָבן די שפּעטערדיקע גרויסע יידישע שרייבער שלום אַש, בערגעלסאָן, אָפּאַטאָשו, ווייסענבערג און נאָך אַ צאָל באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור, אַרויסגעפירט זי אין דער ברייטער וועלט, אָבער סיי ווי האָט מען זיך נישט געקאָנט אייניקן וועמען אָנצוטאָן די קרוין פונעם פערטן קלאַסיקער. און אפשר איז עס גוט אַזוי. קלאַסיקער ווערן נישט באַשטימט דורך קיין אָפּשטימונג. דאָס לעבן אַליין טוט זיין אָן זייער פאַרדינטע קרוין.

יאָ קלאַסיקער, צי נישט קלאַסיקער, סיי ווי האָט יצחק מאיר ווייסענבערג פאַרנומען זיין אָרט אינעם אויבנאָן אין פּאַנטעאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, הגם ער איז געווען אַ ביז גאָר קאָנראָווערסיווער שרייבער. איינע האָבן אים געלויבט ביזן הימל, אַנדערע האָבט אים אין גאַנצן צונישט געמאַכט, אָנווייזנדיק אויף זיין כלומרשט אינטעלעקטועלער באַגרענעצטקייט, וואָס האָט געזאָלט זיין זיין טראַגעדיע.

...געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור איז ער אויפן שוועל פונעם 20־סטן יאָרהונדערט ווען עס האָבן זיך נאָך געלאָזט פילן טיפע שפּורן פון דער השכלה מיט איר איינשטעלונג צו לערנען דאָס פאָלק, אָבער גלייכצייטיק האָט שוין יצחק לייבוש פרץ געשטורעמט די הימלען, אַרויספירנדיק די יידישע ליטעראַטור אויף די ברייטע שליאַכן פון אייראָפּע. און ווייסענבערג איז געווען פרצעס אַ געטרייער תלמיד. ער איז געקומען מיט זיין אייגן וואָרט און אייגענעם קוק אויף קונסט, וועלכער איז אפשר לכתחילה געווען אַ פאַרנעפּלטער, אָבער וועלכע ער האָט עס שפּעטער בולט פאָרמולירט אין זיין עסיי "קונסט און סוביעקטיוויטעט".

"קונסט - שרייבט דאָרט ווייסענבערג - איז שטאַרקער ברען און ליידנשאַפטלעכע נייגעריקייט פאַר אַלע אַנדערע זאַכן אין לעבן. קונסט איז אָן איבערפלוס פון אינערלעכע כוחות, וועלכע צעשפּאַרן די ווענטלעך פון דעם האַרץ און, אַרויסקומענדיק אויף דער פריי טוען זיי זיך אָן אין אַזעלכע פאָרמען, וועלכע וואַרפן אַ פילפאַרביקע שיין אויף דער ליניע פון געוויינלעכן גרויען לעבן". און ווייטער...: "קונסט איז אַ גלייכע פּראָפּאָרציע פון גייסטיקייט און פיזישקייט, אויב נישט (דאָס הייסט ווען די דאָזיקע פּראָפּאָרציע ווערט צעשטערט), ווערט דאָס אַליין שוין זיין אַנטי־קונסט".

עס טרעפט, אַז ווייסענבערג אַליין צעשטערט די דאָזיקע גלייכע פּראָפּאָרציע, אָפט מאָל וועגט איבער ביי אים דאָס פיזישע איבער דער גייסטיקייט, און דאָך באַקומט זיך נישט קיין אַנטי־קונסט. דאָס איז שוין דער סוד פונעם גרויסן קינסטלער אַזעלכעס צו באַווייזן. איבעריקנס, איז ווייסענבערג נישט דער ערשטער וועמען די קינסטלערישע אינטויציע פירט אַוועק פון זיינע טעאָרעטישע באַהויפּטונגען אָדער אָנשויונגען. אַזעלכעס האָט געטראָפן מיט באַלזאַקן, מיט טאָלסטאָיען און אַנדערע ריזן פון דער וועלט ליטעראַטור, און קיין מאָל נישט צום שאָדן פון דער קונסט, נאָר פאַרקערט.

כדי בעסער פאַרשטיין ווייסענבערגס שאַפן און זיינע ראַנגלענישן, לאָמיר זיך באַקענען מיט אייניקע שטריכן פון זיין ביאָגראַפיע: ער איז געבוירן געוואָרן אין 1881 (לויטן לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור) אין שטעטל זשעלעכאָוו, נישט ווייט פון וואַרשע, און געשטאָרבן, ווי דערמאָנט, אין יאָר 1938. זיין פאָטער איז געווען אַ גאַרבער - האָט אויסגעאַרבעט לעדער - און ער אַליין איז פון דער פריסטער יוגנט געווען אַן אַרבעטער, אַ שטריקדרייער און אַ שאַכטל-מאַכער. ערשט אין 1906, נאָכן באַוויזן זיך פון זיין באַרימטער נאָוועלע "אַ שטעטל", וואָס האָט געמאַכט אַ טיפן רושם אויף פּרצן און אויף ברייטע קרייזן פון דער יידישער לייענערשאַפט אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער (די נאָוועלע איז פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן), האָט ווייסענבערג אין גאַנצן זיך אָפּגעגעבן דעם שרייבן. דער פּרוכטיקסטער פּעריאָד אין זיין שאַפן איז געווען ביז דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען עס זענען אַרויס זיינע פילצאָליקע נאָוועלן און דערציילונגען, ווי אויך דראַמאַטישע שריפטן. אגב, האָבן קריטיקער אים דעמאָלט פאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע קאַריערע ווי אַ דראַמאַטורג. נאָר ווייסענבערג האָט צו דער יידישער בינע, ווייזט אויס, קיין מל נישט געהאַט.

נאָכן טויט פון י.ל. פּרצן, אין 1915, וואָס איז געווען פאַר ווייסענבערגן, ווי פאַר דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור, אַ גרויסע אבדה, הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד אין זיין לעבן, וואָס איז מער אויסגעפּילט מיט ליטעראַרישן קאַמף, ווי מיט שאַפן, הגם אויך שפּעטער גיט ער אַרויס באַטייטנדיקע ווערק און אַרבעט איבער אַ גרויס צען-בענדיק ווערק א"נ "אין דער טיפער אייביקייט". פון דעם ווערק זענען אַרויס בלויז די ערשטע צוויי בענד. זיין גרויס לעבנס-ווערק אין וועלכן ער האָט געזאָלט אַרויסברענגען זיינע מיסטיש-פילאָסאָפישע געדאַנקען, וואָס האָבן אים געהאַט באַהערשט אין די לעצטע יאָרן, האָט ער שוין נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן.

ווייסענבערג האָט געהאַלטן, אַז נאָכן טויט פון י.ל. פּרצן איז געפאַלן דער מעמד פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז באַהערשט געוואָרן פון זשורנאַליזם און פון... די ליטוואַקעס. יאָ, פון די ליטוואַקעס! ער זעט אין זיי ממש שונאים וואָס פאַרשוועכן די יידישע ליטעראַטור און דאָס יידישע לשון. זאַמלט ער אַרום זיך פיל יונגע יידישע שרייבער, פירט אַרויס אין דער ליטעראַטור אַזעלכע שפּעטער אָנגעזעענע קינסטלער ווי: עוזר וואַרשאַווסקי, שמעון האָראָנטשיק, די דיכטער יוסף פאַפּיערניקאָוו, יחיאל לערער, און פיל אַנדערע. זייערע ווערק דרוקט ער אין זיינע "יידישע זאַמל-ביכער" און אין אַנדערע זשורנאַלן פון וועלכע ער איז געווען דער אַרויסגעבער. גלייכצייטיק פאַרעפנטלעכט ער אויך אין זיינע זשורנאַלן פילצאָליקע פּאַמפלעטן קעגן די "ליטוואַקעס" וואָס זאָלן האָבן פאַרכאַפּט די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע פּאָזיציעס אין וואַרשע. ער פירט אויך אַ קאַמף פאַר זיין אייגענעם יידישן אויסלייג, וועלכן ער נוצט אין זיינע זשורנאַלן און ביכער. די אַלע קאַמפן האָבן פאַרשאַפט נישט ווייניק בייז בלוט אין דער יידישער ליטעראַרישער סביבה און האָבן אַפילו געצווונגען ווייסענבערגן זיך צוריקצוציען אויף אַ צייט פון מיטגלידערשאַפט אין יידישן ליטעראַטן-פאַראיין.

געשטאָרבן איז ער אַן איינזאַמער און אין פּיין, אָבער זיין לוויה, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער וואַרשעווער יידישער קהילה איז, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער פאָלקס-מאַניפעסטאַציע. דאָס יידישע וואַרשע האָט ווירדיק באַערט דעם גרויסן שרייבער.

זיין ערשטע דערציילונג א"נ "דור הולך ודור בא" (אַ דור גייט און אַ דור קומט) איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1904 אין פּרצעס "יידישע ביבליאָטעק". שוין אין אָט

דער ערשטער קורצער דערציילונג מערקט זיך ווייסענבערגס קרעפּטיקער טאַלאַנט. פאַראַן דאָ שפּורן פון פּרצעס ראָמאַנטיק פון "אַ קעלער־שטוב" און "שלום בית", און פון אברהם רייזענס גוטסקייט, אָבער אָן רייזענס סענטימענטאַליזם. ווייסענבערג איז אין גרונט געווען אָנהייב אָן געווען אַ רעאַליסט, הגם ער איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ נאַטוראַליסט צוליב זיין קאָנצענטרירן זיך מער אויפן פּרט ווי אויפן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון די העלדן. צי איז נישט פולשטענדיק אין נוסח פון רעאַליזם די שילדערונג פונעם שוסטער־וואַרשטאַט, וווּ עס אַרבעט דער לאַנגער נאָטע מיט זיין 18־יאָריקן זון היימל און דעם באַלעבאָס זעליג, וואָס איז קאַרג אויף אַ רובל... דער לאַנגער נאָטע, אַ טאַטע פון אַכט קינדערלעך - גייט אויס פון הונגער. ווען זיינע חברים, די געזעלן, קומען צו זעליגן נאָך עטלעכע רובל אויף תכריכים, פרעגט זיין ווייב: "ווער וועט אָפּאַרבעטן דאָס געלט? דיר חלומט זיך אַז נאָטע לעבט נאָך?" "נישט דיין דאגה! - ענטפערט זעליג און גיט צו: - היימל וועט אָפּאַרבעטן, דור הולך ודור באָ!"

וויפל טראַגישקייט באַהאַלט זיך אונטער די דאָזיקע עטלעכע ווערטער! אַ דור פאַרגייט און אַ דור קומט און די נויט פאַרבלייבט. אַזאַ איז געווען די דעמאָלטיקע ווירקלעכקייט. אָן אַן אויסוועג, אָן אַ צוקונפט. נישט קיין וווּנדער וואָס די דערציילונג האָט געמאַכט אַזאַ רושם אויף פּרצן און אויף דער יידישער לייענערשאַפט.

אָדער, למשל, אַנדערע פון זיינע פריע דערציילונגען - "די משוגענע אין דאָרף", וואָס איז פול מיט מענטשלעכע ליידנשאַפטן, טראַגיק און טיפן ליריזם. ווער איז זי, די משוגענע? עס איז אַ יונג מיידל פון אַן אַריינפאָר־הויז ערגעץ אויפן לובלינער שאָסיי, וווּ יעדעס מאָל פאַרהאַלט זיך יאָסל דער פורמאַן, וועלכער פירט פּאַסאַזשירן קיין לובלין און די דערבייאיקע שטעטלעך. דאָס מיידל איז פאַרליבט אין יאָסלען, אָבער די מאַמע האָט זי געצוווּנגען חתונה צו האָבן מיטן מאַן פון איר פאַרשטאָרבענער עלטערער שוועסטער. וויל זי אים קיין ווייב נישט זיין און די מאַמע האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז נישט אַנדערש נאָר אין דבורהלען איז אַריין אַ דיבוק. שלאָגט זי די טאָכטער אָן אויפהער און אַז דאָס העלפט נישט איז פאַראַן בלויז איין אויסוועג - פאָרן נאָך אַן עצה צום רבין. באַקומט זי דאָרט שאָבעכטס פון טייוולס פינגער און פאַרשפּראָכענעס בוימל, נאָר אויך דאָס העלפט נישט...

ווען יאָסל דער פורמאַן איז איין מאָל דורכגעפאָרן דעם לובלינער שאָסיי און זיך אָפּגעשטעלט אין אריינפאָר־הויז, האָט ער דורכן טיר־שייבל געזען ווי די מאַמע שלאָגט דבורהלען און אין קעגנאיבערדיקן בעט ליגט איר מאַן און קוקט זיך רואיק צו. האָט יאָסל נישט אויסגעהאַלטן, אַריין אין צימער און געפּרוווט פאַרהאַלטן דער מאַמעס קלעפּ. דעמאָלט איז ערשט אויפגעשורונגען דבורהלעס מאַן און באַפאַלן יאָסלען מיט זידלערייען. עס איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג און, פאַרשטעפּיט זיך, אַז דער פורמאַן האָט אים גוט דערלאַנגט. פאַרענדיקט דאָס געשלעג, אין יאָסל אַרויס אין דרויסן זיך אָפּקילן. און דאָ גיט דער מחבר אַ קורצע אומדירעקטע כאַראַקטעריסטיק פון זיין העלד:

...יאָסל דרייט זיך אַרום נישט ווייט פון דער שטוב, דעם קאָפּ האַלט ער אַראָפּ צו דער ברוסט און פייפט זיך צו עפּעס אַ מעלאָדיעלע, אַזוי זיס, אַזוי האַרציק־טרויעריק, ווי אַ נשמה וואָלט זיך געקלאָגט דערין, און טייל מאָל רייסן זיך די טענער שטאַרקער, העכער און בייזער, און איין טאָן יאָגט דעם צווייטן מיט אימפּעט, ווי די כוואַלעס אין טייך איינע די אַנדערע, ווען זיי צעשפּילן זיך אין אַ געוויטער... ער גייט צו צום פערד, טוט עס אַ פּעטשל אין רוקן, איבערגליטשנדיק די האַנט צום קאַרק, און מיט דער אַנדערער האַנט טוט ער אַ שאָקל אונטער דאָס זעקל האָבער..."

אַזאַ איז ער, יאָסל דער פורמאַן. דער יידישער פורמאַן, דער שטאַרקער יונג. אים איז שווער אויסצודריקן זיינע געפילן. דאָס וואָס ער וואָלט געדאַרפט זאָגן דבורהלען, זאָגט ער דעם פערד. אים ווייזט ער אַרויס זיין צערטלעכקייט מיט אַ פעטשל אין רוקן, מיט אונטעשאָקלען דאָס זעקל האָבער...

און עס זענען דאָך געווען קריטיקער, וועלכע האָבן געהאַלטן אַז וויסענבערג איז אַ שוואַכער קענער און מאָלער פון מענטשלעכער פסיכאָלאָגיע... זיי האָבן אויך געהאַלטן, אַז וויסענבערג האָט אין זיינע שפעטע יאָרן זיך אויסגעשעפּט אַלס קינסטלער. ווי עס טרעפט אָפט מאָל מיט שרייבער וואָס דערגרייכן זייער הויכפונקט מיט דעם ערשטן ווערק און שפעטער חזרן זיי זיך איבער. איז עס נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער טעות פון קריטיקער. גענוג צו דערמאַנען איינע פון זיינע שפעטע דערציילונגען "וווהין דער גורל פירט". איך וואָלט געוואַגט צו פאַרגלייכן די דאָזיקע דערציילונג צום סטיל פון די גרויסע אַמעריקאַנער פאָלקנער און קאָלדוועל מיט איר שילדערונג פון מענטשלעכע לײדנשאַפטן, און דער שטים פון בלוט, דעם געראַנדל פון ליידן און פריידן און דעם נאַטירלעכן ווילן צום לעבן, וואָס איז שטאַרקער ווי דער טויט. וויסענבערג איז דאָ טיף יידיש אין דער שילדערונג פון זיינע טיפּן און אין דער לעקסיק, אָבער גלייכצייטיק אוניווערסאַל אינעם מאָלן די מענטשלעכע שפּירונגען און טראַגעדיעס, באַזונדערס די שפּירונגען פון אַ פרוי, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ מאַן וועלכער האָט פאַרלוירן זיין מענלעכקייט. בלויז אַ קינסטלער פון אַזאַ מדרגה ווי יצחק מאיר וויסענבערג האָט אין דער, אין אַלגעמיין, צניעותדיקער יידישער ליטעראַטור געקאָנט זיך צורירן צו אַזאַ טעמע און נישט געשטרויכלט ווערן. און ווי שטאַרק זענען דאָ זיינע שילדערונגען פון דער אַ מאָל אַזוי שרעקלעכער קראַנקהייט שווינדזוכט, וואָס האָט שפעטער אים אַליין פאַרשניטן!

וויסענבערגס טיפע קענטעניש פון דער מענטשלעכער פסיכאָלאָגיע, זיין ליריזם וואָס איז דורכגעפלאָכטן מיט אַ קערנדיקן פאָלקישן הומאָר, קומט אויך צום אויסדרוק אין דער דערציילונג "אַ טאַטע מיט בנים". שוין אינעם קורצן אַריינפיר, וואָס איז געצייכנט מיט געוואַלדיקער מאָלערישער קראַפט, דערקענען מיר די אָנוואַקסנדיקע קאָנפליקטן צווישן מאַן, פרוי און קינדער, וואָס וועלן זיך שפעטער אויפלייזן אויף אַ גוטמוטיקן יידישלעכן שטייגער.

עד כאן וויסענבערגס קורצע דערציילונגען, וואָס באַווייזן די אַנטוויקלונג פון זיין קרעפטיקן טאַלאַנט. אַ ברייטערע באַהאַנדלונג פאַרדינט אוודאי דאָס ווערק, וואָס האָט אים געמאַכט אַ נאָמען אין דער יידישער ליטעראַטור און אים אַוועקגעשטעלט אין איין ריי מיט די נאָכפאָלגער פון אונדזערע קלאַסיקער און אַפילו אַרויסגערוקט אים ווי איינעם פון די פרעטענדענטן אויף דער קרוין פונעם פערטן קלאַסיקער. מיר מיינען, פאַרשטייט זיך, וויסענבערגס "אַ שטעטל". אָבער איידער מיר וועלן רעדן וועגן וויסענבערגס שטעטל, לאָמיר אויף אַ ווייל זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם אופן ווי אַזוי מיר באַנעמען און זעען היינט דאָס שטעטל פון אַ מאָל.

דאָס שטעטל, דאָס יידישע שטעטל, איז מער נישטאָ. עס איז נישט פאַרשוווּנדן מיטן נאַטירלעכן גאַנג פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, מיט דער אורבאַניזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מזרח־אייראָפּע און דער אויסוואַנדערונג פון גרויסע אירע טיילן קיין אַמעריקע און אַנדערע לענדער מעבר לים. אַפילו אין ישראל, וווּ נישט ווייניק יידן לעבן היינט אין קלענערע שטעטלעך, איז זייער כאַראַקטער גאָר אַן אַנדערער, אַ גרויסשטאָטישער. דאָס יידישע שטעטל איז אומגעקומען, איז אומגעבראַכט

געוואָרן צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן יידן, קרבנות פון דער דייטשישער אכזריות.

און דאָך לעבט עס, דאָס שטעטל. עס לעבט אין אונדזער זכרון. עס לעבט אין דער יידישער ליטעראַטור, און ווי אַזאַ איז עס בלויז פאַרגאַנגענהייט. און אַזוי ווי אַלץ וואָס איז פאַרגאַנגען, זענען מיר גענייגט עס צו ראָמאַנטיזירן, צו זען עס בלויז אין העלע פאַרבן. פאַרגעסן מיר היינט אין דער שטעטלדיקער אָרעמקייט, אין דער אויסוועגלאָזיקייט פון דער יוגנט, נישט גלופּסק און קאַבצאַנסק און אַפילו נישט כסרילעווקע האָבן מיר פאַר אונדזערע אויגן, נאָר שלום אַשס ראָמאַנטיזירטע שטעטל, ווו "פאַרחלומט איז אַלץ אין גאָטס לייטזעליקן שלאָף, און אַלץ בויגט זיך, טוליעט זיך צו דער מאַמעס ברוסט - דער ערד, איינגעשלאָפן אויף גאָטס שויס. אפנים אַלץ אַרום איז צופרידן מיט זיין גורל, וואָס עס איז פאַר אים באַשערט, און פאַרלאַנגט נישט קיין בעסערס... אַפילו דער הויכער שפּיץ פון דער קירכע און דאָס קליינע פענדל פון דער שול האָבן פאַרגעסן זייער באַשטענדיקע מלחמה, וואָס איז צווישן זיי, און לעבן איצט אין אחדות, אין שלום, איין הימל ציט זיך דאָך איבער זיי, אין איין טאָל זענען זיי פאַרחלומט, און איין גאָט וואַכט איבער זיי."

אַוודאי איז אויך דאָס אַ טייל פונעם אמת, אָבער בלויז אַ טייל. מיר קאָנען אָבער נישט לעבן מיט קיין טיילווייזן אמת און נאָך דערצו אים אידעאַליזירן. ווי שווער עס זאָל נישט זיין, דאַרף מען קוקן דעם גאַנצן אמת אין די אויגן. דאָס האָט שוין פאַרשטאַנען מיט צענדליקער יאָרן צוריק דער באַוווסטער יידישער ליטעראַטור־קריטיקער בעל־מחשבות, וועלכער האָט געשריבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אין זיין עסיי א"נ "דריי שטעטלעך": ..."דאָס יידישע שטעטל שטאַרבט אָפּ. אין עטלעכע דורות אַרום וועט עס נאָך לעבן ווי אַ היסטאָרישע דערינערונג, ווי עפּעס אַזוינס וואָס האָט קיין איינפלוס נישט אויפן יידישן לעבן, ווו אפשר דער היסטאָריקער וועט גיין זוכן פאַרגליווערטע סימנים פון דעם אַלטן אָפּגעשטאָרבענעם אַמאָליקן יידישן לעבן."

בעל מחשבות האָט נאָך נישט געוווסט דעמאָלט, ווען ער האָט געשריבן די דאָזיקע ווערטער, וואָס עס דערוואַרט דעם יידן פונעם שטעטל, ווי פון דער גרויסער שטאָט. אַז די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון יידיש לעבן אין מזרח־אייראָפּע וועט אָפּגעמעקט ווערן, וועט פאַרברענט ווערן אין די היטלעריסטישע טויט־לאַגערן און קאַלך־אויוונס, און בלייבן וועט בלויז דאָס, וואָס איז אויפגעשריבן און אויפגעמאָלן געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור און קונסט. אָבער סיי ווי זענען זיינע ווערטער געווען נביאיש, ווייל אַזאַ איז געווען די אַנטוויקלונגס־טענדענץ אין יידישן לעבן, אַזוי האָט דיקטירט דער אומפאַרמיידלעכער היסטאָרישער פּראָצעס.

אָט דעם פּראָצעס האָט שוין געזען אונדזער גרויסער יצחק לייבוש פּרץ ווען ער האָט ביים סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט געמאַכט אַ רייזע איבער יידישע שטעטלעך פון פּוילן און שפּעטער פאַרעפנטלעכט זיינע איינדרוקן אין די "רייזע־בילדער".

צום אונטערשיד פון שלום אַשן, וועלכער האָט ראָמאַנטיזירט דאָס שטעטל, און פון י.ל. פּרצן, וועלכער פאַלט שיעור נישט אַריין אין פאַרצווייפלונג, אַנטרעפנדיק זיך אויג אויף אויג מיט דער שטעטלדיקער אָרימקייט, נויט און אויסזיכטלאָזיקייט, זעט יצחק מאיר ווייסענבערג אַן אַנדער שטעטל, אַ שטעטל ווו עס הייבן אָן אַריינצודרינגען אידעען פון דער גרויסער וועלט, און די דאָזיקע אידעען וועלן ענדערן נישט בלויז דעם אויסזען און כאַראַקטער פונעם שטעטל, נאָר אויך פון זיינע איינוווינער. ווייסענבערג האָט דערפילט מיט דער אינטויציע פון אַ גרויסן קינסטלער וווהין עס פירט די היסטאָרישע אַנטוויקלונג.

ווייסענבערג שילדערט דאָס יידישע שטעטל אין דעם איבערברוך־יאָר 1905, ווען איבער רוסלאַנד האָט זיך דורכגעטראָגן דער שטורעם פון רעוואָלוציע, וואָס האָט צעטרייסלט די פילאַרן פון דער צאַרישער אימפּעריע. נישט ווייט פונעם גרויסן יידישן צענטער וואַרשע, טראָגן זיך אָן אַהער די ווינטן פונעם שטורעם און מאַכן אַן איבערקערעניש אינעם איינגעפונדעוועטן לעבן־שטייגער. אויף דעם פאָן פירט אַרויס דער מחבר אַ רייכע גאַלעריע טיפּן און געשטאַלטן, באַלמעלאָכעס, אַרבעטער, באַלעבאַטים און כלי־קודש, שילדערנדיק אַלעמען מיט אַ געוואַלטיקער ליבשאַפט און גלייכצייטיק דינעם הומאָר. דאָס לעבן פון שטעטל איז ווי איינגעטיילט צווישן צוויי פּאָליוסן – דעם בית־מדרש און דער טשיינע (טיי־הויז). אינעם ערשטן זאַמלען זיך די חשובע באַלעבאַטים און כלי־קודש, אינעם צוויטן – די אַרבעטער און באַלמעלאָכעס. אָבער נישט לאַנג איז עס אַזוי.

אָנגעהויבן האָט עס זיך ערב פּסח, ווען דער שמש איז אַרויף אויפן באַלעמער און דערקלערט, אַז "יום־טובדיק מעל אַריינצוברענגען פון אַנדערע שטעט האָט קיין שום הכשר נישט, ס'איז אַזוי גוט ווי חמוץ..."

דעמאָלט האָט אויסגערופן יעקל סטאָליאַר, איינער פון די הויפּט־העלדן: "רבותי... מען טאָר נישט... מען באַשטייט נישט... אָרעמע אַרבעטערס געלט... מען מעג ברענגען מעל, נישטאָ קיין מאָנאָפּאָל!" פאַרענדיקט האָט עס זיך מיט אַ מהומה און מיט יעקל סטאָליאַרס צעבלוטיקטער נאָז.

די דערמאָנטע פּאַסירונג אין בית־מדרש איז ווי אַ מין פּראָלאָג, נאָך וועלכן דער מחבר שילדערט דעם אָנוואַקסנדיקן שטורעם, דורכגעפלאָכטן מיט מייסטערהאַפטע שטייגער־סצענעס פון יידישן לעבן. פאַרשוווּנדן איז די אידיליע, דאָס שטעטל האָט זיך פונאַנדערגעטיילט. מען רעדט וועגן שטרייק און קאַמף, "היינט איז אַ צייט נישט פון קיין תהילים, נאָר פון קאַמפן מיט בראָן (געווער), – רופט ערגעץ אויס יעקל סטאָליאַר. און מען שטרייקט, און מען קעמפט. און די כוואַליע וויגט זיך אַראָפּ און אַרויף. און מיר האָבן אַן ערב־פּאָגראָם שטימונג מיט אַ שילדערונג פון אַ קריסטלעכער פּראָצעסיע בעת די אחדות־לייט (אָרגאַניזירטע אַרבעטער) באַוואָפענען זיך מיט קאָסעס און גרייטן אַ זעלבשוץ, און אַ שילדערונג פון אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע, וואָס איז, דאַכט זיך, איינציק אין דער יידישער ליטעראַטור מיט איר קינסטלערישן פאַרנעם.

אינעם דערמאָנטן עסיי וועגן דריי שטעטלעך, האָט בעל־מחשבות געשריבן: "אין צענטער פון אונדזער קומענדיקער יידישער ליטעראַטור וועט מן הסתם דאָס שטעטל שוין נישט פאַרנעמען דעם גרויסן פּלאַץ וואָס אַמאָל". געשען איז אָבער אַנדערש. געקומען איז דער חורבן און די נאָסטאַלגיע נאָכן שטעטל, דעם זינט דורות איינגעזעסענעם, פאַרפונדעוועטן לעבן, וואָס איז פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט די יידן פון מזרח־אייראָפּע. ווייסענבערג האָט (אפשר צו זיין גליק) נישט דערלעבט די דאָזיקע צייט. ער איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז האַרט פאַרן גרויסן חורבן און געבליבן איז זיין וויזיע פונעם "גראָען מאָרגן־נעפּל, וואָס האָט אַלץ פאַרהילט און אין זיך איינגעזאַפּט". מער נישט – דיווירקלעכקייט איז געווען געגליכן נישט צו אַ מאָרגן־נעפּל, נאָר צו אַ פלאַמיקן האָריזאָנט, וואָס האָט פאַרברענט אַ גאַנץ פאָלק. ער איז אויסגעגאַנגען אין איינזאַמקייט אין לעגיאָנאָוואָ (אַ באַוווּסט דאַטשע־אָרט הינטער וואַרשע). וועגן ווייסענבערגס לעצטע טעג דערציילט זיין טאָכטער פּערל ווייסענבערג:

"...בכלל איז אים גאָר פרעמד געווען דער געדאַנק, אַז ער וועט אַ מאָל שטאַרבן, נישט געקוקט דערויף וואָס ער איז געווען אַזוי ערנסט קראַנק. און ער (המשך ז' 20)

שמחה סימכאָוויטש / טאָראָנטאָ

## אין גאָטס הויז

איך קום אין גאָטס הויז
מיט געהעריקן יראת־הכבוד.
דער טלית אַרום מיין גוף
פאַראיינט מיך מיט מיינע קדושים,
דעם חזנס געזאַנג לעבט אויף
דערמאָנונגען פון מיינע קינדער־יאָרן
ווען כ'בין געגאַן שבת אין דער פרי
זייט ביי זייט מיטן טאַטן
אין שטיבל פון דער חברה "ביקור חולים".

איך זינג צוזאַמען
מיט דער עדה לעבעדיקע יידן.
דאָך גרוילט מיך ווען מען לייענט
וועגן געגנאָציד איבער די פעלקער פון כנען.
מיך פאַרדריסט אויפן האַרבן דין
קעגן דער אומטרייער סוטה.
אַפילו מיט משהן פיר איך אַ שטרייט
אַלעמאַי ער האָט געטויט אַ מאַן
פאַר קלייבן צווייגן אום שבת.

אָפט מאָל טראַכט איך: צו וואָס
גיין דאָרט ווו כ'בין אַזוי מאַרגינאַל?
אָבער, קומט שבת אין דער פרי,
גיי איך, יום־טובדיק געקליידט,
אין הויז פון תורה און תפילה.
דאָרט לייען איך תהילימדיק:
"גאָט איז נאָענט צו געבראָכענע הערצער".

## פאַרבליבענע

געפאַנגענע פון גורל
מערדערישן, אומפאַרענטפאַרבאַרן,
ניצולים פון געטאָס, טויט־לאַגגערן,
ווו אייגן־נאָענט בלוט־און־פלייש
זיינען פאַרצוקט געוואָרן;
בלאָ־פאַרקריצטע נומערן
אויף זייערע הענט,
טיף־שוואַרצע ווונדן אין די הערצער.
ווען צוזאַמען - אויף שמחות, פייערונגען,
זייערע הערצער, ווי איבערפולע טייכן,
גיסן איבער מיט דערמאָנונגען
פון איינציק־נאָענטע - שאָטנס בלויז,
מיט ביטערע תרעומות קעגן וועלט,
וואָס האָט זיי אַלעמען פאַרהפקרט;
ניט־אַרויסגעזאָגטע פחדים
פאַר די ניי־אויפגעבויטע היימען,
דורות אויפגעברענגטע
צולהכעיס דעם שיקזאַל און גאָט.

משה וואָלף

# דער קאַמף פאַר שבות (רעפּאַטריאַציע) אין אַמאָליקן ראַטנפאַרבאַנד

דער חלום זיך אומצוקערן צוריק קיין ארץ ישראל האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך דעם ווען די יידן זענען צעשפּרייט געוואָרן אין די תפוצות און האָט באַקומען זיין אויסדרוק אין זייערע תפילות (בשובי את שבותיכם לעיניכם, א"א), וועלכע די פרומע יידן חזרן איבער אין דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג. אָבער דער טערמין פון "שבות" - "רעפּאַטריאַציע" אין דער סאָוועטישער מעדיאַ האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אַ סך, אַ סך שפּעטער - אין די יאָרן פון דער א"ג "פּערעסטראָיקאַ".

איצט רעדט מען שוין וועגן דער דאָזיקער טעמע אין ישראל און אויך אין היינטצייטיקן רוסלאַנד ווייניק, הגם דער געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט זיך אומצוקערן צוריק אין לאַנד "פון די אבות" פאַרבלייבט אַקטועל פאַר אַ סך יידן אין דער גאָרער וועלט. אין די פריערדיקע יאָרן (און אויך היינט) האָט די דאָזיקע אידעע געהאָלפן די יידן זיך פאַראייניקן (טראַכטן, זאָרגן, דיסקוטירן) מיט דער יידישער מדינה נאָך מער! די שבות־אידעע האָט מיטבאַדינגט איר אויפקום: אַ גרויסע ראָלע אין דעם וווקס פון דער עליה האָבן געשפּילט 2 אַנדערע פאַקטאָרן:

1- דער מלוכה־אַנטיסעמיטיזם. ער האָט אַרויסגעשטופּט די יידן אויף דער "ראַנדגאַס" פון דעם געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן לעבן אין די תפוצות. און

2- ישראלס נצחון אין דער "זעקסטאָגיקער מלחמה" מיט די אַראַבישע לענדער אין 1967. אין אָנהייב האָט די עליה־באַוועגונג עקזיסטירט בסתר, אין איזאָלירטע, קליינינקע, ווייניק באַוווּסטע גרופּעס. באַוווּסט זענען זיי געוואָרן נאָך דעם אַזוי גערופענעם "עראָפּלאַן־ענין", ווען אַ גרופּע סאָוועטישע יידן האָט געפּרוּווט פאַרכאַפּן אַן עראָפּלאַן כדי אַריבערפליען קיין שוועדן און פון דאָרט - קיין ישראל.

דער אָנוואַקסנדיקער ווילן צו פאַרלאָזן דעם סאָוועטן פאַרבאַנד, ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל ניט קלינגען, איז געווען אויך פאַרבונדן מיט דער "אָטקאַז"-אָפּזאָג)-דערשיינונג, ווען די רעגירונג פלעגט אונטער פאַרשיידענע אויסגעטראַכטע תירוצים ("אורבא פרח - נישט געשטויגן, נישט געפלויגן") אָפּזאָגן די אַפּליקאַנטן די דערלויבעניש צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. זייער צאָל אין 1980 האָט דערגרייכט 50 טויזנט.

אין די לעצטע 70־ער יאָרן האָבן אין דער באַוועגונג גענומען זיך אויסטיילן פאַרשיידענע פראַקציעס. די "עמיגראַציאָניערן" זענען געווען איבערגעצייגט, אַז דער עיקר פון דעם קאַמף איז צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. די "קולטורניקעס" האָבן געהאַלטן, אָז קודם־כל איז נייטיק, אַז די, וועלכע ווילן עולה זיין, דאַרפן פריער פון אַלץ באַהערשן די יידישע קולטור - איר היסטאָריע, טראַדיציעס ליטעראַטור און שפּראַך - כדי זיי זאָלן זיך "רעפּאַטריאירן ווי רעאַלע יידן", ווייל אַ סך פון די, וועלכע האָבן סוף־כל־סוף באַקומען די מעגלעכקייט צו עמיגרירן, פלעגן נאָר אויסנוצן די ישראלדיקע וויזעס און פאַקטיש פאַרקערעווען קיין אַמעריקע, און דאָרט זיך באַזעצן.

אויך ביי די אָנפירערס פון דער רעפּאַטריאַציע־באַוועגונג האָבן זיך געענדערט די פּריאָריטעטן. אין אָנהייב אין זייער הויפּט־לאָזונג געווען "שלח את עמי" ("לאָז אָפּ מיין פאָלק") "let my people go". אָבער אין סוף פון די 70־ער יאָרן האָט דער הויפּט־מאָטיוו

פון די אָנפירערס זיך געביטן אויף: "let my people know" - "לאָז מיין פאָלק זיך לערנען". אין יענער צייט האָבן אַלע רעפּאַטריאַנטן געשטרעבט צו דעראָבערן וואָס מער קענטעניש וועגן דער יידישער היסטאָריע, ליטעראַטור, טראַדיציעס אא"וו. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָט זיך גיך אַנטוויקלט דער נישט לעגאַלער "זעלבסטפאַרלאַג" ("סאַמאָיזדאַט"). אין די ערב־יום־טובים און שבתים פלעגן יידן, (וועלכע האָבן געוואָלט זיין יידן) צינדן ליכט און באַגריסן איינער דעם אַנדערן מיט די ווערטער "אַ גוט שאַבעס", אָדער "אַ גוט יאָנטעוו", אין די שילן פלעגן קומען אַלץ מער יידן (צווישן זיי - אויך "סטוקאַטשעס" - אינפאָרמאַטאָרן).

- וויאַזוי־זשע האָט זיך צונויפגעלייגט דאָס לעבן פון די "אַרויסגעשטויסענע" פון דעם געוויינטלעכן סאָוועטישן לעבן?

די אויבן אָנגערופענע "אָפּגעזאָגטע" - לויט דער דעמאָלטיקער טערמינאָלאָגיע, "אָטקאַזניקעס" - פלעגן אָפט אַריינפאַלן אין אַ ביז גאָר שווערער לאַגע. ווי נאָר זיי זענען "באַקרוינט" געוואָרן מיט דעם טיטול "אָטקאַזניק" (און אַפילו פריער - ווי נאָר די אַדמיניסטראַציע פלעגט זיך דערוויסן, אַז זייערס אַ מיטאַרבעטער האָט אָנגעגעבן אַ ביטע און דאָקומענטן אין "אָוויר" (נ.ק.וו.ד. דעפּאַרטאַמענט פאַר אַרויסגעבן דערלויבענישן אויף צו עמיגרירן) - פלעגט מען אים אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט. באַקומען אַ נייע אַרבעט - אַפילו ביז גאָר אַ ניט קוואַליפיצירטע - פלעגט זיין זייער שווער. אין בעסטן פאַל, פלעגן די מאַכט־אָרגאַנען דערלויבן זייערע אָנפאַרטרויטע לייט אָננעמען אַן "אָטקאַזניק" אויף אַ נידעריקע שטעלע און "האַלטן אויף אים אַן אויג". אַנדערע פלעגן געפינען "כשרע" פריינד וועלכע האָבן אָנגעגעבן אין דער אַדמיניסטראַציע זייערע דאָקומענטן, ידיעות וועגן זייערע פריערדיקע שטעלעס, נעמען, עלטער, אַדרעסן אא"וו). זיי האָבן זיך נאָר גערעכנט אַלס אַרבעטער. פאַקטיש, אָבער, פלעגן אַרבעטן די "אָטקאַזניקעס", און פאַר דער "דאָקומענטן־הילף" - באַצאָלן די גוטוויליקע אַ געוויסן פּראָצענט פון זייער אַרבעט־לוין און נאָך:

אין מאָסקווע און אין די גרעסערע שטעט פון דעם אַמאָליקן ר"פ זענען אָרגאַניזירט געוואָרן געהיימע "צדקה־קעמערלעך", וועלכע פלעגן זיך פאַרנעמען מיט קלייבן געלט פאַר די "אָטקאַזניקעס". בראש פון יעדער קעמערל איז געשטאַנען אַ בנאמנותדיקער ייד, וועלכער האָט אָן שום צעטלעך געוווּסט צו וועמען זיך ווענדן און אָן רייד באַקומען אַ געוויסע סומע. די צונויפגענומענע סומע פלעגט דער באַגלויבטער צעטיילן צווישן די כל דיכפין אַזוי, אַז קיינער - איינער פון דעם אַנדערן - זאָל ניט וויסן.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז מיין שווער ע"ה (משה - בועז קאָזלאָווסקי) געווען פאַרמישט אין דעם ענין. איין מאָל איז ער געקומען צו מיר, אין מיין אַרבעט־קאַבינעט מיט איינעם אַ יידן, און אָן שום פאָררעדעס האָט ער מיט אַ באַפעלערישן טאָן צו מיר אַ זאָג געטאָן:

-"אָט דער מענטש איז אַ קראַנקער. איין מאָל אין חודש וועט ער קומען צו דיר. איך בעט דיך, דו זאָלסט מיט אים נישט רעדן און גיבן אַ "נדבה-10 רובל". און זיי ביידע זענען באַלד פאַרשוווּנדן.

אַזוי אַרום האָבן די רעפיוזניקעס פון הונגער ניט געליטן.

אָבער "לא על הלחם לבדו יחיה האדם", אונדזערע יידן - "רעפיוזניקעס" האָבן נישט געוואָלט און ניט געקאָנט זיך באַנוגענען נאָר מיט דער מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן דאָס פיזישע לעבן. פאַר די, וועלכע האָבן דעקלאַרירט זייער הייסן ווילן זיך צו רעפּאַטריאירן קיין ישראל, איז זייער וויכטיק געווען פריער פון אַלץ דערלערנען די

הערשנדיקע שפּראַך אין לאַנד - עברית.

אין דער ערשטער צייט האָבן אָנגעהויבן פונקציאָנירן קליינע קרייזלעך, וועלכע זענען באַשטאַנען פון 2–3 תלמידים. די וועלכע האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייערע דערגרייכונגען האָבן אָנגעהויבן לערנען די אַנדערע מיטגלידער פון דער משפּחה. אַ וויכטיקע ראָל האָבן אויסגעפּילט אַ ריי העברעיסטן, וועלכע האָבן געלערנט אין די ישיבות און דערנאָך, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון די טורמעס און שטראָף־לאַגערן - פון די פאַרשאָלטענע ערטער, ווו די ערד איז אַ גאַנץ יאָר פאַרפרוירן - אַפילו דאָרטן האָבן זיי די שפּראַך נישט פאַרגעסן, און אייניקע פון זיי, נאָך זייער אומקערן זיך אַהיים, האָבן אָנגעהויבן לערנען אין אונטערגרונד די "אויסדערוויילטע" קינדער עברית.

אין סוף פון די 60־ער יאָרן האָט אין לאַנד שוין עקזיסטירט אַ ברייטע נעץ פון אַזעלכע קרייזלעך. אין די זומער־חודשים פלעגן זיי אָרגאַניזירן ספּעציעלע לאַגערן אין די דרום־קוראָרטן, וווהין זיי פלעגן זיך צוזאַמענפאָרן און דאָרט זיך טרענירן - ריידן נאָר עברית.

די "אָפּגעזאָגטע" געלערנטע, וועלכע האָבן מורא געהאַט צו פאַרלירן זייער קוואַליפיקאַציע, האָבן אין 1970 אָרגאַניזירט דעם באַקאַנטן איין־טאָגיקן "סעמינאַר פאַר אַקטועלע פיזיק־פּראָבלעמען:", וועלכער פלעגט פאָרקומען יעדע צוויי וואָכן אין הויז פונעם באַוווסטן אַקאַדעמיקער, מ. לערנער. דער סעמינאַר האָט אָנגעהאַלטן ביז 1987.

אַ ריי סעמינאַרן זענען אויפגעקומען אין מאָסקווע, לענינגראַד (מיט זיי האָט אָנגעפירט דער היסטאָריקער, פּראָפעסאָר מיכאַיל בייזער, וועלכער אַרבעט איצט אין ירושלימער אוניווערסיטעט). אין ריגע און אין אַנדערע שטעט, אָנהויבנדיק פון יאָר 1970, באַווייזן זיך די ערשטע יידישע זשורנאַלן. דער צוזאַמענטרעף באַוווסטער פון זיי - "יידן אין ראַטנפאַרבאַנד" (יעוורעי וו סססר).

רבקה קוזנעצאָווע, וועלכע אַרבעט איצט אין דער סוכנות, דערציילט וועגן דער הילף פון מערב־אייראָפּעישע קריסטן - צוזאַמענשטן פון פינלאַנד און נאָרוועגיע) - דער יידישער שבות־באַוועגונג. די דאָזיקע קריסטן זענען געווען איבערגעצייגט, אַז אַלע יידן מוזן זיך אומקערן קיין ארץ ישראל. יעדער פרייטיק פלעגן קומען אַלס טוריסטן פּאָרלעך - אַ מאַן און אַ פרוי - פון פינלאַנד. די פרויען זענען געווען אָנגעטאָן אין צוויי ספּאָדניצעס, די קעשענעס פון די אונטערשטע ספּאָדניצעס זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט פאַרשיידענע ליטעראַטור־מאַטעריאַלן, וועלכע זיי פלעגן איבערגעבן אין די הענט פון געוויסע פאַרשוינען. די מענער האָבן פון די צווײדנאַיקע באַולן געטאָן דאָס זעלבע.

אין קיעוו איז די לאַגע געווען ערגער - עס זענען געווען פאַלן, ווען "כוליגאַנען" פלעגן אין דער אָנוועזנהייט פון פּאָליצײ־לײט אָנפאַלן אויף אומבאַשיצטע עלטערע פרויען און זיי שלאָגן. די פּאָליציי פלעגט נישט רעאַגירן אויף אַזעלכע אָנפאַלן.

דער רעפיוזניק לעוו עלבערט, אַ טאַלאַנטירטער אינזשעניער, וועלכער האָט פּראָיעקטירט די גאַזלײטונג אורענגאָי־פּאָמאַרע - אוזשגאָראָד, האָט אַ סך יאָרן ניט געהאַט די מעגלעכקייט אָפּצומערקן זיין געבורטסטאָג - אין 30־טן סעפּטעמבער. דעם 28־טן - פלעגט מען אים אַרעסטירן אויף 15טעג, פאַר זיין "אָנטייל אין די דעמאָנסטראַציעס ביי דעם "באַבי יאַר", דעם 29־טן סעפּטעמבער - אין יאָרצייט־טאָג פון די הונדערט טויזנט צעשאָסענע קיעווער יידן. און ווען ער האָט געפּרוווט פּראָטעסטירן, האָט מען אים אויפן אָרט אַרעסטירט, דערנאָך האָט די "טראָיקע" אים "פאַר שפּיאָנאַזש און פאַר פאַרעפנטלעכן שטרענגע מיליטער־סודות" (?). פאַרמשפּט אויף 10 יאָר קאַטאָרגע אין אַ לאַגער אין וויטן צפון־סיביר, דעם זון זיינעם, דעם שילער כאַרמי עלבערט, האָט דער

גאַנצער קלאַס, אין וועלכן ער האָט זיך געלערנט, דערקלערט, "באָיקאָט". (אין די ביז־סאָוועטישע יאָרן האָט דאָס באַטייט: "אַריינלייגן אין חרם"). דאָס מיידל, אין וועלכער ער איז געווען פאַרליבט, האָט אים אָפּגעזאָגט אין ווייטערע קאָנטאַקטן. דער באָיקאָט האָט געזויעדויערט 6 וואָכן. אים האָט איבערגעריסן אַן אַנדערע רוסישע שילערין, וועלכע האָט דעמאָנסטראַטיוו אָנגעהויבן רעדן מיט אים. דער קלאַס האָט זיך צעטיילט. די אַנטיסעמיטן זענען געווען אין דער מינדערהייט. די שילערין, וועלכע האָט אים אָפּגעזאָגט אין פריינדשאַפט, האָט געבעטן ער זאָל איר מוחל זיין. איצט לעבט ער אין קאַנאַדע.

די באַציונגען צווישן דער יידישער באַוועגונג מיט די מאַכט־אָרגאַנען האָבן מיט דער צייט זיך געביטן. אין אָנהייב האָבן זיי זיך באַגרענעצט מיט "פּונקטיר"־אַרעסטן, ד"ה - מיט אַרעסטן פון נאָר איינצלנע, קאָנקרעטע "שונאים פון פאָלק" (דורכפירן מאַסן־אַרעסטן האָבן זיי דערוויייל זיך אָפּגעהאַלטן) - אַזוי אַרום האָבן זיי געוואָלט אָנשרעקן די מיטגלידער פון דער יידישער באַוועגונג. ווי עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, האָבן אַפילו די איינצלנע אַרעסטן און פּראָצעסן נאָר פּאָפּולאַריזירט די באַוועגונג צווישן די יידישע מאַסן, - די פאָדערונגען פון די יוגנטלעכע און מענטשן פון מיטעלן עלטער זענען חודש צו חודש געוואַקסן. אין אָנהייב פון די 1970־ער יאָרן, מיט דער אָנוואַקסונג פון דער צווישנפעלקלעכער אָנטשפּאַנונג, וועלכע איז צונויפגעפאַלן מיט דעם ערשטן וויזיט פון דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט ר. ניקסאָן אין מאָסקווע, איז די צאָל רעפּרעסירטע שטאַרק געפאַלן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז "אָט־אָט" וועלן פאַר די יידן פון ראַטנפאַרבאַנד זיך עפענען די טויערן פון דעם "אייזערנעם פאָרהאַנג", און זיי וועלן אָן איבעריקע שוועריקייטן, באַקומען דאָס רעכט צו פאַרלאָזן דעם סאָוועטישן "גן־עדן". די אָנפירער פון דער יידישער באַוועגונג האָבן גענומען זיך גרייטן צו דעם "סימפּאָזיום וועגן דער יידישער קולטור", וועלכער האָט באַדאַרפט פאָרקומען אין דעצעמבער 1976. אָבער, דאָרט אין די "הויכן" האָט זיך געביטן דער וועטער - ס'האָט זיך אָנגעהויבן "אַן אָפּקילונג" און די יידן האָבן באַלד דערפילט די ענדערונג פון דער סיטואַציע. די רעגירונג האָט פאַרבאָטן דורכפירן דעם סימפּאָזיום, און ס'האָבן זיך באַנייט די רעפּרעסיעס און אַרעסטן. אין 1977 איז דורכגעפירט געוואָרן דער הילכיקסטער אַרעסט און פּראָצעס פון די 70־ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם י"ה - דער נתן שטשאַראַנסקי־אַרעסט. די קג"ב האָט אים באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש. אים האָט געדראָט טויט־שטראָף. נאָר די אָנוואַקסנדיקע "אַלוועלטלעכע קאַמפּאַניע פאַר באַשיצן שטשאַראַנסקין", האָט געצוווּנגען די מאַכט (די א"ג "שופטים" צו פאַרבייטן דעם פאַרפלאַנירטן גזר (טויט־שטראָף) אויף אַ לאַנגן קאַטאָרגע־טערמין.

דרך אגב, די קג"ב. האָט אויך ווייטער געביטן איר טאַקטיק. אָנשטאָט "שפּיאָנאַזש" האָט זי פאַבריצירט "קרימינעלע פאַרברעכנס", אין וועלכע מען האָט באַשולדיקט די אָנפירערס פון דער יידישער באַוועגונג. אין די יאָרן 1984-1986 זענען אָרגאַניזירט געוואָרן קעגן זיי אַ ריי פּראָצעסן־באַשולדיקונגען אין האַנדלען מיט נאַרקאָטיקס. איינער פון אַזעלכע "פאַרברעכערס" איז געווען דער צוקונפטיקער כנסת־דעפּוטאַט און וויצע־מיניסטער פאַר אַבסאָרבציע־ענינים, יולי עדעלשטיין, וועלכן דער אויספאָרשער האָט געבעטן "זיך מודה זיין", אַז דעם נאַרקאָטיק נוצן יידן ווי "איינעם פון די יודאַישע ריטואַלן".

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די מאַכט־אָרגאַנען, וועלכע האָבן, אָנהייבנדיק פון 1980 גענוצט רעפּרעסיווע מיטלען קעגן דער יידישער באַוועגונג, וואָלטן זי לגמרי

אויסגעראָטן. זיי זענען אָבער מיד געוואָרן פון די לאַנגיאָריקע אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע קאָנפליקטן מיט די מערב־לענדער, און האָבן זיך געניייטיקט אין איינשטעלן גוטע באַציונגען מיט איראָפּע און מיט די פּאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. דער ערשטער טראָט אויף דעם וועג איז געווען די אַמנעסטיע, אין 1987, פאַר פּאָליטישע "פאַרברעכערס", צווישן זיי פאַר די "אַסירי ציון". פון אָט דעם מאָמענט הייבט זיך אָן דער פּאַמעלעכער וועג פון לעגאַליזירן די יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכער פּאַרענדיקט זיך אין 1989.

אין אָנהייב פון די 80־ער יאָרן האָט עקזיסטירט אַ גאַנצע סיסטעם פון הילף־מיטלען פאַר פּאַרבינדונגען מיט ישראל. אין די 70־ער יאָרן זענען אין מאָסקווע געווען דירות, וואָס האָבן "געהאַלטן טעלעפאָנען", ווו מען האָט, איין אָדער צוויי מאָל אין חודש, געקאָנט זיך פאַרבינדן מיט געוויסע מענטשן פון אויסלאַנד. די דאָזיקע דירות האָבן געדינט ווי אייגנאַרטיקע קלובן, וווהין עס פלעגן זיך צונויפקומען מענטשן - פשוט זיך "דורכשמועסן". אַ צווייטע פאַרוויילונג־פאָרעם איז געווען אָרויסבאַגלייטונגען פון עמיגראַנטן, אויף וועלכע עס פלעגן זיך צונויפקומען אַן ערך פון 100–120 מענטשן. "דאָס איז געווען אַ קרעפטיקע און סטאַבילע געזעלשאַפט פון רעפיוזניקעס, וועלכע האָבן איבערגעלעבט אַלע "דערפאַלגן און טראַגישע מאָמענטן" - דערציילט אַן עדות און אַן אָנטיילנעמער פון יענע געשעענישן, דער דעקאַן פון דעם פילאָלאָגישן פּאַקולטעט פון דער מלוכישער קלאַסישער אַקאַדעמיע אין מיימאָניד'ס נאָמען, מיכאיל טשלענאָוו.

די רעפיוזניקעס "עפּאָפּייע" האָט זיך פאַרענדיקט אין 1989, און צוזאַמען מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן "די גרויסע עליה", אין גאַנג פון וועלכער ס'זענען קיין ישראל אָנגעקומען אויך די, וועלכע האָבן עטלעכע חדשים פריער זיך געשלאָגן אין די ברוסט־קאַסטנס, און האָבן אָנגערופן די רעפיוזניקעס "פאַרעטערס". אָפיציעל, לויט טשלענאָווס אָנגעבונגען, האָט אין חודש יוני 1988, די קג"ב. באַקומען פון דער רעגירונג אַ שטרענגן באַפעל אויפצוהערן פאַרפאָלגן די יידישע באַוועגונג. שוין אין אויגוסט באַווייזן זיך די ערשטע יידישע לעגאַלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. דעם יידישן קאַמעראַלן מוזיקאַלן טעאַטער, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט מיכאיל גלוז, איז דערלויבט געוואָרן גאַסטראָלירן אין אויסטראַליע. אין אָקטאָבער 1988 האָט די מאַכט דערלויבט עפענען דעם יידישן קולטור־צענטער און צואייגענען אים דעם נאָמען פון דעם קדוש - דעם אָנפירער פונעם אַמאָליקן "גאָסעט" שלמה מיכאָעלס, און אַריינפירן אין דער אָנפירערשאַפט פאָרשטייערס פון יידישע אָרגאַניזאַציעס - מיכאיל טשלענאָוון און וועלוול טשערנינען (היינט צו טאָג איז דער לעצטער אַ מיטאַרבעטער פון דער סוכנות אין רוסלאַנד). אין פעברואַר 1989 איז פאָרגעקומען די טריומפירנדיקע צערעמאָניאַלע דערעפענונג פון דעם צענטער, אין וועלכער ס'האָבן גענומען אַן אָנטייל די אָנפירער פון דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. צו דער דאָזיקער עפענונג זענען אויך געקומען אַ סך אָנפירערס פון דער פּראָווינץ, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען, "אַז ס'איז געקומען די צייט צו שאַפן אַן איינהייטלעכע לעגאַלע אָרגאַניזאַציע". אין חודש מאַי זענען די זעלבע פאָרשטייערס זיך צונויפגעקומען אויף אַ קאָנפערענץ אין ריגע, ווו זיי האָבן באַשלאָסן דורכפירן דעם ערשטן קאָנגרעס פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין ר"פ. ער האָט זיך פאַרענדיקט מיט שאַפן דעם ועד פון דעם ראַטנפאַרבאַנד - די ערשטע, פאַר צענדליקער יאָרן, אַלפאַרבאַנדישע יידישע אָרגאַניזאַציע. איר אויפקום, טעטיקייט און באַדייטונג פאַרדינט אַ באַזונדערע באַלויכטונג.

לילקע מייזנער

# די נשמה־טענער פון שרייבער מענדל מאַן
## צו זיין 90־סטן נישט־דערלעבטן געבוירן־יאָר

וואָלט מענדל מאַן געלעבט, וואָלטן מיר איצט געפייערט זיין נייַנציקסטן געבוירן־יאָר, איז ער אָבער אַוועק פון אונדז אַזוי יונג און שנעל, דער באַזינגער, מאָלער און קענער פון מענטש, דער פּאָעט און דערציילער, דער פּראָליפישער שרייבער.

...נישטערנדיק אין מיינע ביכער־פּאָליצעס איז מיר צופעליק אַריינגעפאַלן אין האַנט אַ קליין לידער־ביכל מיט פאַרגעלטע בלעטלעך א"נ "ירושה", וואָס איז אַרויס אין רעגענסבורג, דייטשלאַנד, אין יאָר 1947. דער מחבר - מענדל מאַן. מיינע געדאַנקען זיינען אַוועק העט, העט ווייט און איך האָב זיך אָנגעהויבן דערמאָנען, געזען זיין געשטאַלט, ווי אַ הויכן לאַנגן שאָטן. אויך זיינע ווערק זיינען מיר נאָכגעגאַנגען ווי לאַנגע שאָטנס, און זיין "לאַנגע" געשטאַלט איז פּלוצעם מיט מיר מיטגעגאַנגען. כ'האָב זיך דערמאָנט ווי צאַרט ער פלעגט רעדן, ווי יעדע נאַטור־דערשיינונג איז געווען פאַר אים אַן אַנטפּלעקונג, און ווי אַ געניטער קינסטלער פלעגט ער מאָלן מיט ווערטער דעם אַרום.

עס טרעפט, אַז אויפן הימל באַווייזט זיך אַ ליכטיקער שטערן - ליכטיקער ווי אַלע אַנדערע, דאָס איז אַ מעטעאָר, וועלכער באַלייכט די טונקלקייט, רייסט זיך אָפּ פון קרייזן אין הימל און פאַלט אַראָפּ צו דער ערד, אָבער זיין אָפּשיין בלייבט פאַר אַ לאַנגער צייט. מענדל מאַן איז געווען אַזאַ מעטעאָר. אויפגעלויכטן אויפן יידישן ליטעראַרישן פירמאַמענט, באַלויכטן מיט אַן אומגעהויער ליכט די נאָכמלחמהדיקע פּוסטקייט - און פאַרגאַנגען יונגערהייט.

זיין ליבע צום יידישן וואָרט איז געווען עכט, ווי עכט עס איז געווען די ליבע צו פּרישער ערד, צום וואַלד און פעלד, צום טייך און בוים; די ליבע וועלכע ער האָט געירשנט פון זיינע עלטערן, פּעטערס אַרענדאַרן, "סאַדאָווניקעס". דאָס זיינען געווען געזונטע פּשוטע יידן, וואָס עס האָט אַרויסגעזונגען פון זיי אַן אַלטער ניגון פון טאָפּאָלן ביימער און ווערבעס, פון פרישע פּרוכט און קאָרן, "און הערצער האָבן זיי געהאַט ריינע און אויגן מילדע" - זאָגט דער שרייבער אין איינער פון זיינע שילדערונגען. מענדל מאַן האָט געהאַט אַ טיפע ליבע און רעספּעקט צו דעם לשון פון זיין אומגעקומענט שטאַם. זיין גאַנץ קורץ און פּראָדוקטיוו לעבן האָט ער געווידמעט דעם לשון, וואָס איז געווען, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, "דאָס האַרץ פון אונדזער פאָלק".

געבוירן, געוואָרן איז מענדל מאַן אין וואַרשע, די קינדער־יאָרן פאַרבראַכט אין פּלאָנסק, צווישן וויגנדיקע זאַנגען און גוטער שוואַרצער ערד, וואָס האָט געגעבן רייפע פּרות און פאַרהעלטנמעסיקע זאַטקייט. ער האָט ליב באַקומען די פעטע ערד און אַלץ וואָס איז געבוירן געוואָרן פון איר. אָט די ליבשאַפט צו ערד, די שטילקייט פון די אָוונטן, די אַרומיקע סביבה, האָט געהאָלפן צום פאָרמירן דעם יונגן מענדלען און דעם שפּעטערדיקן מאָלער, שרייבער, דערציילער. די סביבה פון די יידישע פּאַכטערס, יידישע פּויערים, האָט אים געגעבן די וואַרעמקייט און זיכערקייט אין זיינע קינדער־יאָרן. די פאַרבונדקייט פון ערד און מענטש איז געווען דער גרונט־שטריך פון זיינע שפּעטערדיקע שאַפונגען.

מענדל מאַן האָט געלעבט אין דעם פּעריאָד פון אויפבליענדיקער יידישער קולטור, ווען אונדזער איינגעוואָרצלטקייט אויף דער פּוילישער ערד האָט אָנגעהויבן ברענגען

פּרוכטן. ער איז געווען דער מיטצײַטלער פון דעם אויפשטײַג, און יידיש איז פאַר אים געוואָרן מער ווי אַ שפּראַך, עס איז געוואָרן אַ נוסח פון לעבן. דער שרײַבער דריקט זיך אויס אין איינער פון זײַנע עסייען: "איך טראָג אין מיר דעם יידיש פון מײַן מאַמען, וואָס האָט געזאָגט תפילה צו גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב. איך טראָג דעם יידיש פון מײַן זיידן, דעם סופר, וועלכער האָט געלערנט אין בית־מדרש מיט די בעלי־עגלה, שוסטערס און שנײַדערס, איך האָב יידיש געהערט אויף טאַרטאַקן, מילן, אין גערויש פון זעגן – איך האָב יידיש געהערט אין די וואַסער־מילן – און יידיש איז פון דעמאָלט אָן אַרײַן אין מײַנע אָדערן, און עס ריזלט מיט בלוט". אָט דער בונד, אויף לעבן און טויט מיט דער שפּראַך פון פאָלק, האָט אים געגעבן די שאַפונגס־קראַפט. ער איז געבענטשט געווען מיט צוויי וואָגיקע גאָבן – אַ גענײַטער מאָלער און אַן אויסגעצייכנטער דערציילער. דאָס ערשטע האָט געדינט דעם צווייטן. זײַנע דערציילונגען זײַנען ווי בונטע מאָלערײַען, וועלכע פאַרנעמען קאָלאָסאַלע לייוונטן אין אונדזער ליטעראַטור.

זײַן נע־ונד האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1939 דורך די פּראָסטיקע, פאַרשנײַטע וועגן אין רוסלאַנד, מיט דעם מאַרש פון יידיש־סאָוועטישן סאָלדאַט פון מאָסקווע ביז בערלין, מיט אָפּשטעלן בײַ די ברעגעס פון דעם ווײַסלטײַך – און שפּעטער, גאָר שפּעטער, אָפּשטעלן אין אייראָפּע, שוין נאָך דעם חורבן. און דאַן אין באַפרײַטן ישראל. אָט דער לעצטער צײַט־אָפּשניט איז געווען דער בליענדיקסטער און שעפערישסטער פעריאָד אין זײַן לעבן. ער איז געוואָרן אַ "דערשײַנונג" אין דער יידישער ליטעראַטור, אי מיט זײַן פיזישער יונגקייט, אי מיט זײַן אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט, זײַן טעמפּעראַמענט און אופן פון שרײַבן. זײַן געוואַגטקייט און קינסטלערישער פאַרנעם האָבן אים געגעבן אַ ספּעציעלן פּלאַץ אין אונדזער נאָך־חורבן ליטעראַטור. ער איז געוואָרן דער אָנערקענטער פּראָזאַיקער, און כאָטש זײַן וועג און פאָרעם־זוכענישן זײַנען געווען נישט פון די לײַכטסטע איז ער דאָך אַרויס אַ גאַנצער, אַ פולער. זײַן אויג און האַרץ האָבן געזען געהערט, געפילט און אויפגעכאַפּט די דינסטע ניואַנסן פון געשעענישן, שײַנקייטן, ווייטיק און אכזריות, און דער עיקר נאַטור־בילדער, נאַטור־דערשײַנונגען. ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער קענער פון געוויקסן. דער מדבר אין ישראל איז געווען פאַר אים אַ קוואַל פון וועלכן ער האָט געשעפּט די זאַפטן פאַר זײַנע ווערטער־מאָלערײַען, וואָס האָבן דעם באָדן לעבעדיק געמאַכט. ער איז מיטגעגאַנגען מיט זײַנע העלדן און געמאָלן זיי מיט די דינסטע און שאַרפסטע קאָלירן. אין זײַן אימפּעטדיקן שאַפונגס־וועג איז ער אַרײַנגעדרונגען אין דער מענטשלעכער נשמה אַזוי טיף, פול מיט סענסיטיווקייט.

באַלד נאָך דעם חורבן גיט ער אַרויס צוויי ביכער פּאָעזיע. "די שטילקייט מאָנט" און "ירושה". דאָס זענען סענסיטיווע לידער, פול מיט בענקשאַפט. אין 1947 פאַרלאָזט ער פּוילן און קומט דורך דײַטשלאַנד קיין פראַנקרײַך, ווו עס גרופּירן זיך די רעשטלעך לעבנגעבליבענע יידישע שרײַבערס, מאָלערס, קינסטלערס. זײַנע קורצע דערציילונגען פון יענער צײַט ווערן איבערזעצט אויף פראַנצויזיש און געלויבט פון די בעסטע קריטיקער. אָבער דעם שרײַבער ציט צו זײַן אַלטער היסטאָרישער היים. עס איז אים שווער צו זײַן אין אייראָפּע, אויף דער פאַרבלוטיקטער ערד. זײַנע בעסטע און גרעסטע ווערק ווערן געשאַפן דאָרט, אין מדינת ישראל: די טרילאָגיע "בײַ די טויערן פון מאָסקווע", "בײַ דער ווײַסל" און "דאָס פאַלן פון בערלין", ווי אויך "בײַ די טײַכן פון פּוילן". דאָס זײַנען עפּישע באַשרײַבונגען פון די מלחמה־יאָרן. און דעם יידישן אָנטייל אין זיי.

די ביכער זײַנען אַ פאַרמעסט קינסטלעריש צו פאַראייביקן די עפּאָכע, פּסיכאָלאָגיש

אַנאַליזן יחידים און פעלקער, און עס שאַפן זיך שפאַנענדיקע שטימונגען וואָס פאַרכאַפן דעם אָטעם. ער האָט אויפגעכאַפט די אייגנאַרטיקייטן פון פשוטן רוסישן פאָלק, וועלכן ער האָט אָנגעטראָפן אין זיינע לאַנגע וואַנדערונגען. דער העלד מנחם (וועלכער איז דער פראָטאָטיפ פון שרייבער) לעבט צוזאַמען מיט די מענטשן פון פאָלק. ער זאַפט אין זיך אַריין זייערע אייגנשאַפטן, די וואַרעמקייט. ער האָט זיי ליב און זיי - אים אויך! "טענגושיי" (דער נאָמען פון זיינס אַ דערציילונג) וואָס איז אַזוי וויט פון זיין היים, איז אים איצט געוואָרן אַ נאָענטע און גוטע היים. אָבער די ברוינע לאַפע פון פאַרויסגייענדיקן נאַצי דערגייט אויך ביז טענגושיי אין וויטן רוסלאַנד, און די דונערן דערטראָגן זיך אויך צו מנחמען. די רוסישע דערפער ווערן מאָביליזירט און אויך ער שטעלט זיך צו פרייוויליק.

זיינע באַשרייבונגען פון יענער צייט זיינען כראָניקעס פון געשעענישן, פון ליידן, מיליטערישע זיגן און דורכפאַלן. די בילדער זיינען פאַרשריבן מיט אַזאַ פאַרנעם אַז זיי בלייבן מיט דעם לייענער אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. דורך מענדל מאַנס שילדערונגע זעען מיר די טראַגישקייט פון דער צייט. אַ נישט פאַרגעסלעך בילד איז די באַשרייבונג ווען די אַרמיי, און צוזאַמען מיט איר אויך מנחם, שטייען ביי די ברעגן פון דער ווייסל, אַריבער דעם טייך איז זיין אַמאָליקע היים, וועלכע שטייט אַ פאַרוויסטע. אין איין זאַץ מאָלט ער זיין געפיל און טיפן אומעט: "שרעקלעך איז צו ליגן אויף דער שוועל פון דער אייגענער היים - אַ געבונדענער".

דער טעמפאָ פון די שילדערונגען פאַרשלינגט דעם לייענער און נעמט אים אַריין אין אַלע פיזישע און מאָראַלישע דילעמעס. רירנדיק זיינען די בילדער פון צוריקקומען אין זיין היימשטאָט וואַרשע. אַ שאָטן שטייט אויף אַ צעבראָכענער שוועל און זאָגט קדיש, און די חורבות שווייגן. ער שאַפט די אַלע בילדער מיט דער פאַלעטע פון אַ מאָלער און באַנוצט אַזוי פּראַזיכטיק די ווערטער, אַז זיי זאָלן געטרוי איבערגעבן די געפילן, שטימונגען, די סביבה. דער בוים, דאָס גרעזל ווערן סימבאָלן. די שעפערישע פעדער, וועלכע האָט זיך איינגעזאַפט בילדער פון לעבן, אָבסערוואַציעס פון מענטשן, ברענגט אַרויס אין דער אָ צייט אַ שעדעווער אונטערן נאָמען "נאַכט איבער גלושינאָ". דאָס איז אַ קלאַסישע דערציילונג וועגן דער צעפוילקייט פון סאָוועטישן רעזשים און די דעגראַדאַציע פון מענטש. "גלושינאָ" איז געוואָרן אַ סימבאָל פון דעקאַדענץ און טראַגיק. די גאַנצע דערציילונג איז אַן אַלעגאָרישע. זי איז געקומען צום לעבן אין ווערטער - אין גאַנג פון שרייבערס פעזענלעכן גורל, דורך זיינע איבערלעבונגען, און איז אַ פערל פון קינסטלערישן פאַרטראַכט.

דער גאַנג פון יונגן שרייבער איז געווען אַ שנעלער און פראָדוקטיווער. נאָך אַלע זיינע וואַנדערונגען קומט ער אין זיין היסטאָרישער היים, וועלכע ווערט זיין אָרט פון רו און ווייטערדיקער שעפערישקייט. זיינע ישראל-דערציילונגען, וועלכע קומען אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען "די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען" און "דאָס הויז צווישן דערנער", זיינען אַן אויסדרוק פון דעם פעריאָד. אין דעם הייסן מדבר, אונטער דעם בלויען הימל און גאָלדענער זון, געפינט דעם די שרייבערישן סטימול, וואָס באַצויבערט אים. ער אָבסערווירט די געוויקסן, די בלומען, וועלכע שפאַרן אַרויס פון די הייסע זאַמדן, און צווישן שטעכיקע קאַקטוסן געפינט ער רויזן. זיינע טיפאַזשן זיינען יונג און אַלט, קינדער און אַלטע פאַרברוינטע יידן, ווי אויך די אַראַבישע איבערגעבליבענע איינוווינערס. און אָט צווישן דעם קאָלירפולן פייזאַזש שלייכן זיך אַרום אומפאַרגעסלעכע טיפן פון רייפע, און אויך פאַרשטונקלטע פאַרשוינען, שאַטנס אין דער הייסער מדבר-נאַכט.

ער אָבסערווירט דעם קאַמף צווישן מענטש און נאַטור, און צווישן מענטש און מענטש. ער באַזעצט זיך אויף די פּאַרנומענע געביטן, ווו די אַראַבער האָבן פּאַרלאָזט זייערע וווין־ערטער, און דאָרט ווערט געבוירן די רירנדיקע קורצע דערציילונגע וועגן דער אַלטער אַראַבערין, וועלכע קומט ביי נאַכט באַזוכן איר איבערגעלאָזטע קאַץ. די קאַץ פּאַרנורעט דאָס קעפּל אין איר שויס און ביידע געשטאַלטן ווערן שאָטנס פון דער צייט.

מענדל מאַן האָט אויפגעכאַפּט די נשמה־טענער פון מענטש און דעם אַרום, פון געוויקס און זאַמד, פון דערנער און רויזן. ער האָט אונדז באַרייכערט מיט דעם געזאַנג, ניגון און דער לעגענדע פון מדבר. ער האָט פונאַנדערגענומען זיינע ברייטע אָרעמס פון די וויסל־ברעגעס ביז די טויערן פון בערלין, און געגעבן אונדז דעם מיראַזש פון דעם צויבער פעלדזן־באַרג "פּעטראַ", וואָס רופט צו זיך און מען קען צו אים נישט דערגרייכן, מען זוכט אים פונקט ווי ער האָט געזוכט דעם פּערפעקטן ניגון, ער איז אימפּעטדיק געקומען און אויסגעלאָשן געוואָרן. דער שטערן איז געפאַלן צו דער ערד אַ פּאַרלאָשענער אָבער איבערגעלאָזט דעם לאַנגן העלן אָפּשיין פון אַ מעטעאָר, און אין דעם אָפּשיין האָבן מיר געפונען "רויזן צווישן דערנער", און אין זיין ניגון אַ לויטערן קלאַנג.

"כ'האָב געוועבט אַ ניגון / פון לויטערע קלאַנגען -/ איז דער ניגון /מיטן שטורעם פאַרגאַנגען". (מענדל מאַן "איצט")

---

(סוף פון ז' 10)

האָט זיך נאָך געקליבן צו באַאַרבעטן זיין 10־בענדיק ווערק "אין דער טיפער אייביקייט"... ער האָט נאָך געוואָלט איבעראַרבעטן זיין נישט פאַרעפּטנלעכטע פּאָעמע "אסתר" און אויך זיין דראַמע "קנאה און תאווה", וועלכע איז שוין געווען לאַנג דערשינען, נאָר ער האָט זי געוואָלט מאָדערניזירן. ער האָט אויך געהאַלטן אין שרייבן אַ פּריש ווערק: אַ ראָמאַן אין דער פאָרם פון בריוו. מיט איין וואָרט, ער האָט נאָך געהאַט אַ מאַסע פּלענער אויף דער צוקונפט..."

נאָר אים איז נישט באַשערט געווען די דאָזיקע פּלענער צו פאַרווירקלעכן. די קראַנקהייט, צו וועלכער ער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן, איז אים לסוף ביי־געקומען. אָט ווי די טאָכטער שילדערט וויסענבערגס לעצטע מינוטן:

"...ביינאַכט, דאָס איז געווען אַרום עלף אַ זייגער, האָט מיך דער טאַטע אַריינגערופן. ער האָט זיך געוואָלט אויפזעצן און האָט שוין נישט געקענט. ער האָט זיך געהייסן געבן עסן. אייערקיכלעך און ווייסן קעז האָט ער עפּעס מאָדנע געשלונגען אין געאייל, נישט וויסנדיק אַליין צו וואָס ער דאַרף דאָס. דערנאָך האָב איך אים געגעבן קליי, וואָס איז געשטאַנען אָנגעגרייט אויפן טיש. פאַרזוכנדיק עס האָט ער געזאָגט: די עסנס זענען אַלע זייער גוט, נאָר איך קאָן זיי נישט עסן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט: - וואָס איז דער טיש אַזוי ליידיק? עסן און טרינקען זאָל זיין אויפן טיש - און געפרעגט מיך:

- וואָס ליידיקסטו מיר אויס די וועלט?

קיינער איז דערביי נישט געווען, נאָר איך אַליין. אויפן טיש זענען געשטאַנען עטלעכע בלומען. ראָזע גלאַדיאָלן. די בלומען האָט זייער ליב געהאַט. ער האָט זיך אַלע מאָל אַנטציקט מיט זייער ראָזער פאַרב אין עטלעכע טענער. אַ בוקעט איז אים נישט געפעלן, נאָר עטלעכע איינצלנע בלומען אויפן טיש.

באַלד האָט ער זיך מאַכטלאָז אַנידערגעוואָרפן אויפן בעט... זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען: "צי האָב איך צו פיל אמתן געזאָגט די מענטשן?"

און אפשר האָט ער גאָר צו ווייניק אמתן געזאָגט? ער האָט דאָך נאָך געהאַט אַזוי פיל צו זאָגן. און מיר דאַרפן די אמתן, די גרויסע אמתן פון דער גרויסער קונסט. מיר דאַרפן זיי היינט אפשר מער, ווי ווען עס איז פריער.

מנחם שטערן

## צו מיין זיידע ר׳ שלום ע״ה

מיין ליבער זיידע - אַ פרומער ייד
און אַ פייערדיקער געיער חסיד.
איך זע ווי דו וואַרעמסט זיך
אין שנייאיקע, פרירנדיקע אָוונטן
ביי די ווייסע אויוון־קאַפּליעס
און דערביי ביסט טיף פאַרנומען
מיט דיין תפילהדיקער נגינה...
כ׳האָב מיט התמדה זיך צגעהערט
צו דיין פרומען,פילנדיקן ניגון
בעת די וועלט האָט זיך גענומען וויגן...
איצט קום איך ווידער צו דיר, ליבער זיידע.
איך בין פול מיט טרויער און וויי
ווי בעת דער דייטשער מערדער איז געלאָפן
קעגן אונדז מיט ביקס און גאַז,
אַזוי ברעגנט איצט דער אַראַבישער פאַרברענער
וויי און פיין אונדזער גאַס.
אָ נעם מיך אַרויס פון טרויער און וויי
און טו מיך אָן מיט דיין שמחהדיקער הילע.
ביסט תמיד געווען פון די גערער מנגנים,
פון די אַמאָליק־טייערע בעלי תפילה...

## יוסף גייט באַגעגענען די ברידער

יוסף טרעט לאַנגזאַם אין זוניקן מאָרגן
און פון זיין נייעם חלום צופרידן ער טראַכט,
אַז ער וועט באַגייסטערן די ברוגזע ברידער
און פאַרטרייבן קנאה־שנאה פון משפחה־גלידער.
און ווי ער גייט פאַרביי אַ געזעמל פון קוסטעס
מיט אַ מאָל ער דערזעט די ברידער.
אָבער נישט מיט אַ שמייכל אויף פנימער
און נישט מיט פריינטלעכן
אויסשטרעק פון הענט.
פון זייערע מיילער טראָגט זיך אַ הילכיק געשריי
און אַ שפּאָטיש געלאַך:
״אָט איז דער בעל חלומות.
באַלד וועט ער אונז מאַכן קליין
כאָטש מיר זענען אַ סך
און ער איז אַליין!״
און ווי הינט באַפאַלן זיי אים.
רייסן אַראָפּ פון זיין לייב
דאָס שיינע העמד וואָס דער טאַטע
האָט אים מיט ליבע געגעבן

און וואַרפן אים אַריין אין אַ טיפן גרוב...
באַליידיקט, דערנידעריקט איז יוסף געלעגן אין גרוב
און מיט אַ וויינענדיקער שטימע געקלאָגט:
"ווײ, אַ גאַנצן מאָרגן האָב
איך געטראָטן אויף זוניק־העלן פּאַס,
געחלומט וועגן חברשאַפט און פריד
מיט מיינע ברידער
און זיי נעמען מיך אויף מיט שפּאָט און האַס"...
מיט אַ מאָל האָט אַ טויב זיך געיאַוועט
אויף גרובס ראַנד און פילנדיק געוואָרקעט:
"נישט וויין ליבער חלומער,
נישט לאָז דעם צער דיך באַהערשן,
נאָר אויף דערווייל ליגסט אין טיפן גרוב.
באַלד קומט אָן אַ קאַראַוואַן
און זיי וועלן דיך אַרויפברענגען
פון ערדס טונקלען נידער
צו דער שטוינונג פון דיינע ברידער!"

## צו דער לבנה

שניי־ווייסע לבנה,
זעגלסט אַ פריילעכע, אַ פרייע
איבערן נאַכטיקן הימל
ווי איבער אַ בלויען, זומערדיקן טייך
דורך גאָלדענע און רויטע שטערן
ווי פּיצלעך קאָנפעטי
וואָס די נאַכט שפּרייט אויס פאַר דיר
מיט אַ פריינדלעכער האַנט.

נאָר איצט באַפאַלט מיך אַ טיפער טרויער
ווען איך טראַכט ווי דער ערדישער "מאַב"
חלומט פון באַרויבן דיינע בערגלעך און טאָלן
און צו ברענגען דיין רייכטום
וואָס ליגט אין געהיל פון אומענדלעכע מילעניומס
צו אונדזער אַטאָמישן, קראַנקן פּלאַנעט
וואָס האָט אַזוי פיל ווײ און בלוט פאַרנומען...

נישט לאָז דיין חנעוודיק, ליב פּנים
פאַרגיין אין אַ טונקעלן ברוגז
פון וועגן מענטשס געיעג נאָך רְויב
און מאַכט.
די פאָעטן וועלן ווי פאַרלוירענע קינדער
דיך זוכן מיט צעריקע בליקן און פרעגן:
"ווּ איז אונדזער ליבע מאַמע די לבנה?!"...

מ. אייזענבוד / מעלבורן

# ניט פאַרשעמט דעם טאַטן

## (דערציילונג)

און סאַמע ברען פון בירגער־קריג איז אַרטשע אַרײַנגעשפּרונגען אין דער וועלט מיט אַזוינע קולות, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס גוואַלדעוועט ער אַזוי צוליב אַ וועלט וואָס וועט חרוב אָדער ווערט געבוירן...

זיין טאַטע - עליע "צאַרסקאָיע סיעלאָ" (מען האָט אים גערופן אַזוי צווישן דער ברייטער גאַס און די "גלינישטשעס" - און ווו ניט? ווייל עליע האָט יעדן איינעם פאַרזיכערט: ניט היינט איז מאָרגן, וועט אַ נאַש בראַט זיצן אין "צאַרסקאָיע סיעלאָ".) אָבער ביז וואָס - ווען - איז עליע געוואָרן אַ קאַטאָרזשניק ערגעץ ווו אין סיביר.

- וואָסזשע - האָבן יידן געטענהט - אַ מענטש נעמט זיך אַריין אין קאָפּ עפּעס אַזוינס - וועט מען אים שאַנעווען?

אַ היים איז עליע געקומען שוין העט, העט נאָך אַלעמען. "צאַרסקאָיע סיעלאָ" אַפילו ניט אָנגעזען. זיך אַרומגעהאַקט מיט ווייסגוואַרדייער, מיט אינטערווענטן, און מיט וועמען ניט? אַפילו מיט אַ "בראַניעפּאָיעזד" געפּאָרן. געגעכטיקט אין שטאַלן, אין "טיעפּלושקעס" - און ווען ניט אַרטשע - אָט דער ממזערישער יונג, וואָס האָט זיך געיאָגט אין דער וועלט אַריין, קיין צייט ניט געהאַט, געמיינט, עריט עפּעס פאַרשפּעטיקן - וואָלט ער געוויס אָנגעקומען אין "צאַרסקאָיע סיעלאָ" ווו עס איז געזעסן אַ נאַש בראַט... אַזוי פיל ווייס מען פון אַרטשעס אָפּשטאַם.

* * *

סוזי איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל, וואָס האָט פאַרנומען אַ שטיק וואַנט. דער שפּיגל האָט אויסגעטיילט פון זיך אַ ליכטיקייט פון די באַהאַלטענע לאָמפּן, קונציק פאַרבויטע אין די ווענט, אין סופיט. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם באָד־האַנטוך, זיך אָפּגעשפּיגלט אין פּראָפיל, פון פאָרנט, און זיך גענומען אָנטאָן. ביים אָפענעם שאַנק האָט זי זיך געיִשובט: - אָנטאָן די בלויע מיט די שטיינדלעך, אָדער די זילבער־געשפּריצטע מיטן מינק־קעלנערל?

דאָס האָט זי אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין. אויפן קול. נאָר דערוואָרט האָט זי, אַז אַרטשע זאָל זיך אָפּרופן. נאָר ער האָט געשוויגן ווי די וואַנט. אַ קנעפּל ביים קאָלנער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַדורך ס'לעכל, כאָטש קראַפּיר.

- אַ מאַן איז עס, כאָטש גיי נאַקעט, וועט עס אים ניט אַרן. ניכיי וואָלסטו מיר געזאָגט וואָס אָנצוטאָן. - און אַז אַרטשע האָט נאָך אַלץ געקעמפּט מיטן קנעפּל און געשוויגן, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים:

- אייבי, די צונג איז דיר צוגעטריקנט צום גומען?

- נעווער מיין אייבי. מעגסט מיך רופן אַרטשע, נישקשה, קיינער הערט דאָ ניט אונטער.

סוזי איז רויט געוואָרן ווי אַ שטיק הימל, ווען די זון פאַרגייט. אַרטשע האָט לויט דעם געקאָנט פאָרויסזען, אַז ס'וועט זיין אַ שטורעם, אָדער גאָר אַ שטאַרקער ווינט. אַזוי האָט ער אויך דערקענט נאָך זיין ווייבס רויטקייט, אַז עס האַלט פאַר אַ שטורעם.

זי האָט פאַרגעסן, אַז מען דאַרף זיך אָנטאָן. זי איז געבליבן שטיין ווי אַ סטאַטוע,

די הויט אָרום האַלדז ביז צו דער ברוסט - אַ ווייסע, אַ קלאָרע, אָן אַ קנייטשעלע. די פולע ווייבלעכע אָרעמס, צעוואַרעמטע און פוכיק.

ווי די שבתדיקע באַבקע - האָט אַרטשע ניט געקאָנט פאַרגעסן די שבתדיקע באַבקע, פון וועלכע ער האָט קליינערהייט ביי זיין באָבען געריסן שטיקער און האָט דאָס קיין מאָל ניט געהאַט צו דער זאַט.

זי האָט אָנגעהויבן רויק, דווקא ווי אַ בר־דת, ווי אַ מענטש וואָס האָט אַ שווערע טואונג פאַר זיך, ווי, לאָמיר זאָגן, איבערשטעלן דעם דעמבענעם קאָמאָד, און באַטראַכט זיך פריער גוט, ווי אַזוי מען נעמט זיך צו דעם.

- אַרטשע - האָט זי אַ זאָג געטאָן - מיר גייען צו די וואָלפסאָנס. דו ווייסט ווער די וואָלפסאָנס זענען. און ניט נאָר די וואָלפסאָנס. דאָרטן וועלן זיין מענטשן מיט וועלכע מען דאַרף קענען ריידן. ס'איז דיר ניט דער דירעקטאָר פון "שייער און שמייער" דאָרטן קלאַפּט מען זיך ניט גוט־ברודעריש אין פּלייצע און מען דרייט איבער די וויסקי־גלעזער. דאָרט וועגט מען יעדעס וואָרט ווי אין אַן אַפּטייק. און אויפן וויסקי קוקט מען בלויז, מען זופט קליינע זופּעלעך און יעדעס מאָל גיסט מען צו אַ ביסל סאָדע־וואַסער - ווי ביי די ענגלענדער.

- וווּיל, וויל - שוין געהערט - ווייס אַרטשע, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַן אַריינפיר, אַזאַ דאָס וואַרעמט זי זיך ערשט פונאַנדער, און ער נעמט זיך דערווייל אויסבינדן דעם שניפּס.

-אַרטשע - האָט זי טיף אָפּגעאָטעמט ווי אַ שווימער איידער ער טונקט זיך אונטער און נעמט מיט אַ זאַפּאַס לופט - זאָלסט צורו לאָזן דיין טאַטן. ביי די וואָלפסאָנס שמועסט מען ביזנעס; שערס, אינוועסטמענטס. איז שטעל ניט אַרויס דיין טאַטקעלע דעם קאָזאַק, וואָס האָט געקענט שיסן מיט אַ פּיסטאָל ווי אַן אַמעריקאַנער קאָווּבוי, רייטנדיק אויף אַ פערד. אַזאַ טאַטן לאָזט מען רוען, וווּ ער רוט. וויפל יאָר ביזטו שוין דאָ אין לאַנד, צוואַנציק, דרייסיק? - און קענסט נאָך אַלץ ניט פאַרגעסן דעם טאַטקע דיינעם...

- לאָמיר האָבן אַזאַ יאָר, ווי מיין טאַטע איז געווען מער לייט ווי דיינע וואָלפסאָנס, מיט די מערלינס, מיט די שיפקינדס - מיין טאַטע האָט עפּעס אויפגעטאָן פאַר דער וועלט, ער האָט אַריינגעכאַפּט קוילן צוליב איר, ניט געשאַנעוועט די באַנדיטן...

צו די וואָלפסאָנס איז מען פון דעסטוועגן געגאַנגען, און אַרטשע האָט זיך געלאָזט רופן: אייבי, מיסטער אייבי זיסקינד - און דעם טאַטן פאַרשוויגן. די קרענקעניש האָט ער פאַראָפסן מיט האַסטיקע שלוקן וויסקי.

- דער אינוועסטמענט איז אַ ראַיעלער - ס'איז לאַנד. ווילסט, קאָן מען בויען הייזער, שטאָקן, בלאָקן גאַנצע. מענטשן דאַרפן האָבן וווּ צו וווינען און דירה־געלט־קאָנטראָל וועט מען אויך אַראָפּנעמען. - אַזוי האָט אַרטשען פאַרזיכערט מיסטער וואָלפסאָן, און בעת־מעשה ניט אַרויסגעלאָזט די גראָבע פינגער פון דער קרישטאָלענער וואַזע מיט די ראָם־געפילטע שאָקאָלאַדקעס.

אַרטשע האָט זיך ניט געיאָגט אָנצוכאַפּן די שותפות. מיסטער וואָלפסאָן האָט טאַקע געקאָנט זען הייזער־בלאָקן און טשעקס. עס וואַקסט קאַפּיטאַל. אַרטשע האָט געזען מענטשן. מענטשן ווי ער, וואָס קומען אַריבער און האָבן ניט וווּ דעם קאָפּ אַנידערצולייגן. ווי ער האָט ניט געהאַט ביי זיין קומען דאָ. און אַז ער האָט שוין יאָ געהאַט ס'קוואַרטירל ביי דער אַלטער - אַ ביידל פון ברעטער אויפן הויף - האָט ער שוין תמיד געהאַט ס'דירה־געלט צו באַצאָלן? - וועט ער, אַרטשע, דאַרפן אַרויסוואַרפן

מענטשן אין דרויסן, טאָמער האָבן זיי ניט צו באַצאָלן?

מיסטער וואָלפּסאָן האָט גערעדט צו אַרטשען, און אַרטשע האָט גערעדט צו זיך. און אַלע מאָל ווען ער האָט גערעדט צו זיך, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס רעדט ער צום טאַטן זיינעם. און ער האָט געוואַרט. - עליע, "צאַרסקאָיע סיעלאָ" - וואָס זאָגסטו דערצו?

אַרטשען איז ניט אָנגעגאַנגען ס'געלט, וואָס מען דאַרף אַריינלייגן. די "קנאַקערס" וועלן זיך שוין געפינען, דער עיקר: וואָס וואָלט געזאָגט דער טאַטע דערויף?

סוזי, אַ צוואַרעמטע, פאַררויטלטע, האָט אַרויפגעלייגט אַ ווייכע האַנט אויף זיין אַקסל. די דאָזיקע האַנט, האָט זי געוווסט, וועט העלפן אַרטשען אָפּמאַכן ביי זיך. וואָרעם זי, סוזי, מישט זיך ניט אין זיינע ביזנעס.

- ווי גייען די ביזנעס, אייבי? האָט זי אומשולדיק אַ פרעג געטאָן...

- מיסטער זוסקינד איז אַ האַרטע נוס. מאַדאַם - האָט וואָלפּסאָן אַ שמייכל געטאָן און ווידער אַריינגעוואָרפן אין מויל אַ טשאָקאָלאַדקע....

די פרויען אין דערבייאיקן צימער האָבן הילכיק געלאַכט. ס'האָט אויסגעזען, אַז זיי האָבן זיך גאָר וואַזשנע עסקים צו דערציילן.

אַרטשע האָט אַ קוק געטאָן אויף דער וואַנט. אַנטקעגן אים איז געשטאַנען דער טאַטע און געשאָקלט מיט קאָפּ אויף יאָ! - וועסט אַכטונג געבן, אַז אָט דער וואָלפּסאָן זאָל ניט אָנטאָן קיין צרות אָרעמעלייט...

סוזי איז געווען צופרידן וואָס אַרטשע האָט שותפות געמאַכט מיטן מיסטער וואָלפּסאָן. זי האָט עפּעס געהאַט אין זינען, און דעם עפּעס געהאַלטן פאַר זיך...

* * *

דער טעלעפאָן האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין קאַנטאָר פון אַרטשעס פאַבריק. אויפגעהויבן דאָס טרייבל האָט תמיד זשעניפער, דאָס אויסטראַלישע מיידל מיטן יידישן קאָפּ - אַזוי האָט אַרטשע געזאָגט וועגן זיין סעקרעטאַרקע. - נאָך מער ווי אַ יידישן, אַ גאַנצער ליטוואַק איז זי.

זשעניפער האָט געהאַלטן אַן אויג אויף אַרטשעס געשעפטן. אונטן, אין פאַבריק, האָט עס גערוישט דעם גאַנצן טאָג. טראַנסמיסיעס האָבן זיך געגליטשט איבער רעדער. דער דאַמף האָט מיט אַ הישען אַרויסגעשפּאַרט פון די קעסלען. אַרטשע האָט זיך ניט געקאָנט צוגעוויינען צו זיצן אין ביוראָ, אַז יעדעס שרייפל אונטן איז אים אייגן. אַליין מאָנטירט, געלאָזן אין גאַנג, פאַכמענער האָבן גערעדט צו אים היימיש. טייל מאָל פאַרגעסן, אַז ער איז דער באַלעבאָס און אים געעצה'ט וואָס צו טאָן. זיי האָבן ניט געקאָנט אַרויסריידן דעם האַרטן רייש, האָט ער ביי זיי געהייסן: אַטשע.

- וואָס מאַכסטו, אַטשע?

- פיין, ביל.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זיין טאָג.

דער טעלעפאָן האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען. יעדע רגע האָט זשעניפער געמוזט רופן אַרטשען איבערן הילכער־סיסטעם צוריק אין ביוראָ אַריין. און איידער וואָס־ווען האָט אַרטשע געשריגן אין טרייבל אַריין: - הונדערט און פופציק טוץ, מער קאָן איך ניט!

- גזלן איינער - האָט זיך דאָס קול פון יענער זייט טרייבל געבעטן - מען רייסט דאָך די סחורה פון די הענט. גיב כאָטש צו נאָך אַ פופציק.

– עסט ווערן אַ גביר אַ וואָך שפּעטער – האָט אַרטשע ניט געהאַט קיין געדולד – נישקשה, די פּערד וועלן דיר ניט פּגרן, אַז דו וועסט איין וואָך ניט פאַרשפּילן. כ׳על די מענטשן ניט אַרויסיאָגן די נשמה פון דיינעטוועגן.

אַז ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל האָט ער נאָך אַלץ גערעדט צו זיך: "געלט, נאָר געלט. אַ זאַק פּאַפּירן. די וועלט איז זיי וייניק און דעם מענטשן זעט מען גאָרניט". און צו זשעניפערן טוט ער אַ מאַך: – געווען אַ צייט, ווען פאַר אַ ברויט האָט מען געדאַרפט אַ גאָלדן רענדל באַצאָלן. און דאָס ברויט: האַלב מעל, האַלב קאַרטאָפל. קינדער זענען פון הונגער געשוואָלן געוואָרן. אַזוינע פּיס האָבן זיי געהאַט – טוט ער אַ שילדער אָפּ מיט די הענט, ווי געשוואָלן די פּיס זענען געווען. אַלץ פאַרגעסן. אַצינד רייסט מען ווידער איין אַ וועלט...

דער וואַנט־זייגער האָט געוויזן, אַז צום מיטאָג פעלט נאָך אַ פערטל שעה.

– גיי עסן, זשעניפער, – ברענג מיט אַ פּאָר זעמל פאַר מיר. – אַרטשען האָט זיך ניט געגלוסט אַרונטערצוגיין.

– מענטשן – האָט ער אויסציענדיק זיך באַקוועם אין פאָטעל געטראַכט – יאָגן, יאָגן נאָכן געלט. צוערשט דאַרף מען קינדער פאַרזאָרגן, מען דאַרף זיי לערנען. נו מילא, קינדער. דאַן הייבט מען אָן צו בויען שענער, גרעסער, אַלץ צוליב די קינדער. מען קאָן זיך אין דער יאָגעניש גאָרניט אָפּשטעלן".

– עך ברודערקע – האָט ער אויפגעמאַכט דאָס טירל פון שרייב־טיש, און אַריינגעגאָסן זיך אַ טרונק וויסקי – מאַוזאָליעומס בויען זיי זיך...

אויפן טעלעפאָן איז געווען סוזי. אַז אַרטשע האָט דערהערט איר שטים, איז ביי אים באַלד גרייט געווען דער תירוץ: – גוט וואָס דו האָסט מיך אָפּגערופן. כ׳האָב היינט אַ באַגעגעניש מיט אַ סוחר אין האָטעל סאַוואָי, אַ ניי־זעלאַנדער. דאַרפסט ניט וואַרטן אויף מיר מיטן עסן. – אַוועקגעלייגט ס׳טרייבל, האָט ער אָפּגעעטעמט פרייער. ווי איינער וואָס האָט אויסגעטאָן אַ פּאָר ענגע שיך.

– די פּאַרטיעלעך. אויסגעפּוצט זיך ווי אינדיקעס און גייען אַרום, בלאָזן זיך האָלדער, האָלדער, מיין עק איז שענער, זע ווי עס פינקלט, אַ רעגן־בויגן ממש, און דו, אַרטשע, אין אַ ווייס־שטייף העמד ווי אין אַ כאָמוט, דאַרפסט שמייכלען – האַו דו יו דו, מיסיס וואָלפסאָן, איר ווערט וואָס אַ מאָל יינגער. איר זעט שוין באַלד אויס ווי אייער טאָכטער. דער בחור וועט שוין באַלד ניט דערקענען, צו וועמען ער שדכנט זיך... – אַזוי פאַרלאַנגט סוזי. עס גייט איר אין לעבן, אַז מייקל זאָל נעמען וואָלפסאָנס טאָכטער. אַרט עס אים ניט. זאָל ער זי נעמען. דווקא אַ פיין מיידל, וואָלפסאָנס טאָכטער. אַ שיינינקע, מיט רויטע בעקעלעך ווי פּופּינקעס – נאָר וואָס איז דער גאַנצער יחוס מיט אָט דעם וואָלפסאָן, נאָך וועלכן סוזי רייסט זיך אַזוי. געלט האָט ער? געלט האָב איך אויך... באשר זיין טאַטע איז ערגעץ ווו אין שטעטל געווען אַ רב, און ווי אַזוי קאָן מען פאַרגלייכן אַ רב מיט אַרטשעס טאַטן. עפּעס אַ קליינקייט פאָרן מיט אַ "בראָניעפּאָיעזד". עס נעמט זיך אים דוכטן, אַז ער אַליין איז שיעור ניט געבוירן געוואָרן אין אַ "בראָניעפּאָיעזד", וואָס האָט דורכגעשניטן דעם סיבירער פראָנט און דערלאַנגט טויט־קלעפּ די "ווייסע".

אַז די צייט זיך צו טרעפן מיטן ניי־זעלאַנדער סוחר האָט זיך דערנענטערט, איז אַרטשע צו צו אַ זייטיק שענקל, וואָס איז געווען קונציק פאַרבויט אין דער וואַנט, אַז אַ פרעמד אויג האָט ניט געקאָנט דערקענען ווו עס איז וואַנט און ווו – שענקל. דעם "פּאָטאַיעמניק" – אַזוי האָט עס אַרטשע גערופן – האָט געמאַכט זיינער אַ גאָר נאָענטער

פריינד, און בלויז ער און זשעניפער, דאָס גויאישע מיידל מיטן ליטווישן קאָפּ, האָבן געוווּסט דעם סוד, ווי אַזוי מען מאַכט עס אויף.

אַרטשע האָט אַ דריק געטאָן אויף אַ ציפער אין קאַלענדער און אַ טירל האָט זיך רוישלאָז אויפגעמאַכט. ער האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ פשוט, פלאַנעלן אויבערהעמד, אַ רעקל און אַ היטל. עפּעס אַזוינס האָט ער אין דער היים ניט געקאָנט האַלטן וואָרעם סוזי וואָלט אים אין אַזאַ הולך איבערן שוועל ניט אַרויפגעלאָזן. זשעניפער האָט שוין געקאָנט זיינע גענג און גאָרניט געזאָגט דערויף.

מיט אַ זייטיקער טיר איז ער אַראָפּ אין גאַס און זיך אויסגעמישט מיט דער מענטשן־מאַסע, וועלכע האָט געשטראָמט צום צענטראַלן באַן־הויף, זיך געאיילט אַ היים. טייל האָבן זיך אַריינגעכאַפּט, ביזן נאָענסטן צוג, אויף אַ קאַלטן טרונק ביר צו "יונג און דזשעקסאָן". אַרטשע האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו אַ רעסטאָראַן, ווו עס עסן פּשוטע מענטשן, אַרבעטער. דאָרט האָט ער זיך געפילט אין דער היים. זיינע מיטעסער זענען געווען אָנגעפּראַנצעוועטע הונגעריקע מענטשן נאָך אַ טאָג אַרבעט. ס'האָט זיי ניט געהאַרט, וואָס אַרטשע איז אַ פרעמדער. זיי האָבן געגעסן מיט אַ פולן מויל און גערעדט. ביים ערשטן פלעשל ביר וואָס אַרטשע האָט געשטעלט, איז די פרעמדקייט צערונען. אַז דער מיטעסער האָט זיך געכאַפּט אַ מאָל, אַז ער וועט ניט האָבן גענוג צו באַצאָלן פאַרן טראַמוויי, ווייל ער האָט אַן איבעריקן טרונק געכאַפּט, האָט אַרטשע עפּעס אַלע מאָל געהאַט אַ "ספּער קוויד", אַ פונט־באַנקנאָט וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט אין אַ קליין טעשל. דער פרעמדער האָט אים געדאַנקט און פאַרזיכערט, אַז מאָרגן, "פיי־דיי" גיט ער עס אים צוריק, און אַרטשע האָט צוגעשאָקלט: – שור. שור – זיכער ביז מאָרגן...

מיט זייטיקע, שמאָלע געסלעך, דורכגעשניטן אַ הויף, זיך אַריינגעגליטשט אין אַ צווייטן – איז אַרטשע געגאַנגען זיין וועג. מען האָט געמוזט זיך אויסקענען אין די לאַבירינטן פון געסלעך און הויפן צוצוקומען צו יענעם "פּאַב" ווו אַרטשע האָט זיין ערשט גלאָז ביר געטרונקען דאָ אין לאַנד, מיט חברה קוילן־אָנדלאָדער. דאָס ביר־שענקל איז געווען אין אַ טונקעלן מויער, מיט לאַנגע, שוואַרצע בענק אַרום די ווענט. דער שוואַרצער בופעט מיט מעשענע שטאַנגען אַרומגעשלאָגן, די פענצטער פון קאָלירטע שטיקלעך גלאָז, אַזוי ווי אין אַ קלויסטער.

אויף די שוואַרצע בענק זענען זיי געזעסן. די מענטשן באַיאָרטע, קרעפקע. דאָס קויל־שטויב איינגעפרעסן אין די קאַרבן פון זייערע פנימער ווי זיי וואָלט אַליין קוילן־גרעבער געווען. די בלויע אָוועראָלס אַרומגעגאַרטלט. דער באַרמאַן איז נאָך אַלץ געווען דער זעלבער, נאָר אַ היפּש ביסל פאַרעלטערט. די באַקן זיינע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער גאָמבע, און ער האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַן אַלטן מאָפּס־הונט. זיי האָבן אַרטשען ניט געפרעגט וואָס ער טוט אַצינד, ווו ער וווינט. ניט זייער עסק. אַרטשע האָט געשטעלט ביר און זיי האָבן מיט פאַרגעניגן געטרונקען.

– ביזט אָל רייט קאָזאַק – האָבן זיי אים גוט־ברודעריש אַריינגעזאָגט – און וואָס מאַכט דאָרטן דיין אַלטער, ער מאַכט נאָך אַלץ רעוואָלוציעס?

מיט די אָ מענטשן האָט אַרטשע זיין ערשטן "דזשאָב" געהאַט. צוזאַמען אָנגעלאָדן קוילן. אַלע זענען זיי דאַן יונג געווען, און אַ "דזשאָב" צו קריגן איז ניט געווען פון די לייכסטע זאַכן. פאַר אַרטשעס טאַטן האָבן זיי געהאַט גוואַלדיק דרך־ארץ.

– מיטן מאַשין־געווער האָט ער זיי דערלאַנגט, ברודערקע – האָבן זיי זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט אָפּוווּנדערן.

– איי, ווען אונדזער ניד קעלי, דער בוש־ראַנדזשער, וואָלט געהאַט אַזאַ מאַשין־געווערל, וואָלט ער די "קאָפּערס"* שוין דערציילט אַ מעשה.

כאָטש אַרטשע לאָדט שוין ניט קיין קוילן אַ היפּשע פּאָר יאָר, איז ער נאָך אַלץ אַן אייגענער אין דעם "פּאַב" און האַלט פאַר אַ כבוד, וואָס חברה לאָזן אים באַצאָלן פאַר די טורן ביר, וואָס דער באַרמאַן גיסט אָן.

– ביזט אָל רייט אין דער קאַנטרי, האַ אַרטשע?

* * *

נאָכער איז געקומען זשאַמע.

ווען צווישן אייראָפּע און אויסטראַליע וואָלטן ניט געווען קיין וואַסערן אויף טויזנטער מיילן, וואָלט זשאַמע קיינעם ניט געדאַרפט בעטן מען זאָל אים אַריבערנעמען. ער וואָלט פּראָסט און פּשוט אַריינגעשפּאַנט און אָן אַ גוט מאָרגן אַ זאָג געטאָן: – דערלאַנגט עפּעס צום אכלען. ס'גייט מיר אויס די נשמה... – אָט פּונקט ווי ער האָט אַ שפּאַן געטאָן פון טשעליאַבינסק, אין ווייטן אוראַל, ביז מאָטעלע, אין די פּאָליעסיער בלאָטעס... דאָס אַלץ איז אַרטשע געוווירער געוואָרן פון די גלינישטשער לאַנדסלייט. -שרייבן קען ער טאַקע ניט צו פיל, זשאַמקע, נאָר אַוועקלייגן צוויי יעקעס מיט איין שאָס, דאָס יע... און רייטן אויף אַ פערד, ווי אַ טייוול. דערפער אויף מיילן האָבן אים געקענט. אַ ניט וואָלט ער איבערגעלעבט, זשאַמקע פּאַרטיזאַן?

די גלינישטשער האָבן זיך פאַרלייגט אויף אייזיק ראַבקין: – נישקשה. אייערער אַ לייבלעכער קרוב. איר'ט זיך קיין ביין ניט צעברעכן... – און צווישן זיך האָבן זיי אַ רייד געטאָן: – אַ ייד האָט אַ מזל צו אַלעם. ס'רעדל דרייט זיך אים אַלץ אַרויף. אַפילו דעם נאָמען ניט געדאַרפט בייטן. מיט אַזאַ נאָמען ווי אייזיק... נאָר אייזיק ראַבקין האָט זיך געהאַט זיין וועג אין לעבן: זשאַמקע דאַרף פאָרן קיין ישראל. דאָרטן וועט ער צוניץ קומען. ער האָט געקאָנט שלאָגן די יעקעס, וועט ער קאָנען דערלאַנגען די מצרים אויך. אַזוינע בחורים דאַרף מען דאָרטן האָבן.

און וואָס איז עפּעס מכוח דיינע בנים? – קאָן שוין אַרטשע ניט פאַרטראָגן, וואָס אייזיק איז גרייט צו שאַרן פייער מיט יענעמס הענט. – וואָס פעלט דיינע בנים? זשאַמקע האָט זיך געגוג אָנגעזען אַ וועלט. גענונג געקייט ערד. זאָלן דיינע בנים אַהין פאָרן זיך שלאָגן מיט די מצרים, אַ סך גלייכער ווי אַרומיאָגן זיך אין ספּאָרט־קאַרס, און זיין קנאַקערס אָט־דאָ, מיטן טאַטנס טייסטער. נאָר אייזיק איז געווען אַ ייד, אַן עקשן.

האָט אַרטשע אַ זאָג געטאָן צו זשעניפערן: – ברענג מיר אַריבער דעם בחור – געלט איז בלאָטע, דאַזן מעטער... – און זשעניפער מיטן ליטווישן קאָפּ האָט שוין געוווסט ווו איין, און ווו אויס, וועלכן פּאַפּיר מען דאַרף ערשט, און וועלכן שפּעטער.

איז זשאַמע געקומען.

ביים באַגעגענען אים פון שיף איז אַרטשע שטיין געבליבן, אָפּגעמאָסטן דעם בחור, אַ ווײַלע זיך אָנגעקוקט אויג אויף אויג, גוט־ברודעריש אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, און אַ זאָג געטאָן:

– פון היינט אָן בין איך דיין פעטער אַרטשע, אַזוי זאָלסטו מיך רופן, און ברודערקע

– ביזט אַ געמאַכטער מענטש...

סוזי האָט ניט געקאָנט באַנעמען וואָס אַרטשע לאָזט איבער אַלע געשעפטן אין מיטן טאָג, ווען עס ברענט אונטער די הענט, און פאַרנעמט זיך מיט עפּעס אַ בחור, וואָס

* "קאָפּערס" – אויסטראַלישער סלענג – פּאָליציי.

איז גאָרניט איר קרוב, און ניט זיינער. אַ גרינער בחור וואָס דערמאָנט אַרטשען דעם טאַטן זיינעם.

– סי מיר גוט – האָט זי אַ זאָג געטאָן – האָסט ניט קיין אייגענע קינדער צו פאַרזאָרגן, אַרטשעלע צדיק? – און נאָך האָט זי געוואָלט וויסן: – וואָס וועט זיין פון דעם בחור דער תכלית?

– און נאָך איין זאַך: – איז דיר ווייניק איין טאַטקע, אַ פאַרטיזאַן?

נאָר אַרטשע איז געווען פאַרשמייעט, עלעהיי ער האָט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס. עפּעס האָט ער דערלאַנגט אַ זאָג צום ווייב מיט אַ לשון, ווי ער וואָלט מיט אַ מאָל אַן אַנדער מענטש געוואָרן: – וועגן תכלית לאָז איבער פאַר אַרטשען. דער בחור דאַרף אַ צימער, זאָלסטו עס צוגרייטן פאַר אים אין אונדזער מויער. נישקשה, אָרט איז דאָ גענוג. ער דאַרף אויסרוען די ביינער. גענוג זיך אָנגעוואָלגערט אין זעמליאַנקעס, געשלאָפן אין שניי און געהונגערט אויפן פּוד. זאָל אים דאָ ניט פעלן צום קייען.

זשאַמע האָט דערפילט, אַז ער איז אין דער היים. מער ווי אין דער הים, ביי זיין טאַטן דעם דאָרפס־גייער, וואָס האָט אונטערגעהאַנדלט מיט פלאַקס, חזיר־האָר און אַ מאָל אַ פעלעכל פון אַ האָז. האָט מען דען אַזוי געגעסן? אַזוי געשלאָפן? זיין טאַטע האָט אַפילו רעכט ניט געהאַט קיין צייט מיט אים אַ רעד צו טאָן. ער פלעגט אַהיים קומען אַ מידער, געקומען פון דאָרף, אָפּגעגעסן און אַוועקגעפאַלן שלאָפן. דער מאַמען געדענקט ער ניט. דעם טאַטנס אַן עלטערע שוועסטער האָט אים געכאָוועט.

– פעטער, מען דאַרף עפּעס טאָן – האָט זשאַמע צעפירט די ברייטע, צעוואַקסענע הענט. מען דאַרף צענעמען די פינגער.

– אַ ווו ברענט, זשאַמקע? ס'וויב האָט ניט אויף שבת? ס'פעלן דיר די פאָר פונט? אַז זשאַמע איז געוואָרן אויסגעקליידט ווי אַ חתן־בחור, האָט אַרטשע אים דערלאַנגט אַ פינפער פונט קליינגעלט, טאָמער מאַכט זיך אַז ער וויל אַ גלעזל ביר, אָדער דאַרף ער גאָר זען אַ לאַנדסמאַן... דאָ איז ניט מאָטעלע – מען שפּאַנט ניט וויאָרסטן צופוס, זאָל ער האָבן צו באַצאָלן פאַרן טראַמווײַ...

נאָר זשאַמען האָט דערעסן דאָס ליידיק גיין, וואָרעם זינט ער געדענקט האָט ער פאַר אַ פונט ברויט געדאַרפט געבן אַ פלייצע, גוט אונטערגאַרטלען זיך, שוויצן.

– נו מילא, זאָל זיין ווי דו ווילסט. כ'וועל דיר צושטעלן צו אַ מאַשינדל, זאָלסט נאָר צולייגן קאָפּ און אַכטונג געבן אויף די פינגער.

אַרטשע האָט זיך ניט פאַרלאָזן אויף זיין אָנזאָג. ער איז געשטאַנען נעבן זשאַמען, ביידע אין גרויע אַרבעטס־כאַלאַטן, און געוויזן ווי מען שלייפט אַ מעסער, ווי מען פאַרזעצט אים, ווי מען שטעלט אָן די מאַשין, זי זאָל ניט רייסן, דאָס מעסער זאָל אַראָפּפאַלן פונקט דאָרט ווו מען דאַרף, און די מאַשין זאָל ווייטער גיין. און ווי עס מאַכט זיך, זאָל ער קאָנען פאַרלייגן אַ רימען, אַריינזעצן קלאַמרעס. "אַ מאַשין – האָט אַרטשע אים געלערנט – איז ווי אַ מענטש. ווערט עפּעס קאַליע, ברודערקע, הייבט זי אָן הוסטן, קרעכצן, שטעלן קרומע טריט. דעמאָלט האַקט דאָס מעסער פּאָדעם און מאַכט אַ תל פון דער סחורה".

אַז זשעניפער האָט גערופן אַרטשען דורכן הילכער, אַז מען דאַרף אים אין ביוראָ, האָט ער גייענדיק געווישט די אויליקע הענט אין אַ שמאַטע און ניט בלייבנדיק שטיין, אַ זאָג געטאָן צו בריינדלען, אויף אַ ניי געקומענע, וואָס אַרבעט ביי אים שוין אַ קנאַפּן יאָר:

- האַלט אַן אויג אויפֿן בחור, ער נוצט נאָך אַלץ צו פֿיל כּוח צו דער מאַשין...

די מאַשין האָט זשאַמען אַזוי פֿאַרכאַפּט מיט איר קלוגשאַפֿט, מיר איר וויסן געניי וואָס מען דאַרף טאָן, אַז ער האָט איר אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען ווי אַן איידעלע זאַך: געפּוצט און געווילט, געטאַפּט דעם דעק צי זי ווערט ניט איבערגעהיצט, צי די רימענס זענען ניט לויז.

אַרטשע האָט עס געזען, און כאָטש ער האָט הנאה געהאַט דערפֿון, ווייל אויך ער האָט ליב אַכטונג צו געבן אויף אַ מאַשין. פֿון דעסטוועגן האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זשאַמען: "זשאַמקע, אַ ליבע פֿירט מען מיט אַ מיידל, ניט מיט אַ מאַשין"...

און אַז זשאַמע האָט זיך ניט געכאַפּט אויפֿן פּעטערס קאַפּולער אָנצוהערעניש, האָט אַרטשע אים אַ מאָל געזאָגט:

- "ברײַנדל גייט אין שולע. זי לערנט ענגליש. גיי מיט, אַ מענטש דאַרף קענען אויסריידן אַ וואָרט מיט לייטן אויך. ביזט ניט אין קיין וואַלד.

איז זשאַמע געגאַנגען.

אַז אַרטשע האָט אַנומלט דערזען זשאַמען לייענען די ענגלישע צייטונג, ווי אַלע אַרבעטער לייענען ביים מיטאָג, האָט ער אים, ווי זיין שטייגער איז, געקלאַפּט אין פּלייצע מיט פֿאָטערלעכער ליבע. - ווערסט אַ לייט זשאַמקע, עסט נאָך די "יאָקעס" איבעריאָגן, בעליוו מי...

זשאַמע האָט דעם פֿעטער אַריינגעוואָרפֿן אַ וואָרט: - אָווערטיים... מ'וואָלט געדאַרפֿט צואַרבעטן אַ פּאָר שעה יעדן טאָג.

אַרטשען איז די מעשה אַריין אין נאָז. זשאַמע האָט שוין געווינט פֿאַר זיך. געלעבט אין אַ צימער. ביי באַלעבאַטישע מענטשן. אַזוי האָט ער געוואָלט. גוט, זאָל זיין אַזוי. ער'ט אים ניט אָנבינדן. פֿאַרדינט האָט זשאַמע ניט שלעכט. איז וואָזשע דאַרף מען אָווערטיים? ביינאַכט דאַרף אַ יונגער מענטש גיין אין שולע, לערנען זיך, טרעפֿן מענטשן - און ניט ליגן ביי דער מאַשין. און אַז מען פֿאַרדינט שוין נאָך אַ פֿונט, איז עס אַ תּכלית? זשאַמע האָט געלאָזט דעם פֿעטער זיך אויסריידן. צוגעלייגט קאָפּ צום פֿעטערס רייד, און געבליבן ביי דאָס זייניקע. "עס מאַכט זיך מיר צו קויפֿן אַ וואָגן, ניט טייער. נו, דאַרף מען צואַרבעטן".

אַרטשע איז ניט נתפּעל געוואָרן...

- סאַראַ וואָגן?

- אַ פֿאָרד, אין גאַנצן פֿיר יאָר אַלט.

- שבת וועט מען אַריבערפֿאָרן אָנקוקן...

אַרטשע האָט זיך געזעצט צום רעדל. און זשאַמע האָט אויסגעמשלט, ווו דער "קאַר־יאַרד" געפֿינט זיך. זענען זיי געפֿאָרן. זשאַמע האָט זיך צוגעקוקט ווי אַרטשע באַטראַכט די קאַר.

- פֿעטער, אַזוי האָט מען ביי אונדז געקויפֿט פֿערד - האָט ער געלאַכט, צוקוקנדיק זיך ווי אַרטשע קוקט אַריין אונטערן דעקל אין מאָטאָר, קריכט אונטערן וואָגן, שלאָגט אָן מיטן שפּיץ שוך די גומענע רייפֿן און פּאַטשט דעם פֿאַרקויפֿערס האַנט... דער פֿאַרקויפֿער האָט זיך געשווירן: - די מיילן אויפֿן ציילער זענען כּשרע, ניט געפֿיקסט.

און אַז זיי זענען סוף כּל סוף דורכגעקומען, האָט אַרטשע אַרויסגענומען דאָס טשעק־ביכל און אויסגעשריבן אַ טשעק. נאָכגעזען, אַז דער בענזין־טאַנק זאָל זיין פֿול, האָט ער דערלאַנגט זשאַמען די שליסלען און אים אָנגעזאָגט: "פֿאָר געזונט, בחור, און היט די ביינער, וואָרעם דאָ איז נאָך ערגער ווי אין וואַלד. דאָרטן זענען געווען אייגענע און

שונאים. דאָ זענען אַלע אי אייגענע, אי שונאים, ס'ווענדט זיך ווי מען פאַרט"... זשאַמע האָט דערלאַנגט דעם פעטער די אָפּגעשפּאַרטע פונטן.

האַלט זיי. דיר זענען זיי נייטיקער, און קיין אָוועקטיים דאַרף מען ניט אַרבעטן. לערנען דאַרף מען.

* * *

עפּעס האָט זיך איין שטוב געראודערט. ביים טיש האָט סוזי גערעדט מיט מייקלען וועגן "ענגיידזשמענט", און וועגן אַ "האָל" צו פּראַווען די שמחה, און וועגן די איינלאַדונגען, וואָס מען וועט אַרויסשיקן, און וועגן דער רשימה פון געסט.

אַרטשע האָט דערפון געדרונגען, אַז זיין ווייבל האָט סוף כל סוף זיך דערשלאָגן צום אידיקן און גייט דעם זון חתונה מאַכן מיט מיסטער וואָלפסאָנס טאָכטער. ער האָט דעריבער אַ ברום געטאָן, וואָס האָט געדאַרפט באַטייטן, אַז אַ טאַטן דאַרף מען אויך זאָגן איידער מען גייט שרייבן תנאים, ניט נאָכער.

– דיר גייען עפּעס אָן דיינע קינדער – האָט סוזי אַ זאָג געטאָן. עס האָט אויסגעזען, אַז סוזי האָט געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, און אָט איז זי געקומען:

– דיר גייען עפּעס אָן דיינע קי־נ־ד־ע־ר – האָט זי די קינדער אויסגעצויגן, פּונקט ווי אַרטשע וואָלט געהאַט אַ טוץ קינדער. – דו האָסטאָך נאָר איין זינען יענעמס קינדער. דאַכט זיך: עס איז דאָ אַ "וועלפער", מיר גיבן אַ שיינעם "דאָניישן" פאַרן "וועלפער". זאָל ער זאָרגן פאַר די יתומים, פאַר די פּליטים, אָט פאַר די, וועלכע זענען אַריבערגעקומען פון דאָרטן און ס'איז געוואָרן אַ פולע שטאָט מיט יידן. זיי האָבן ניט געקאָנט פאָרן קיין יזראַעל, קיין אַמעריקע? אַלע מוזן דען קומען אַהער? דיין טאַטע איז קיין לייט ניט געווען, און דו אויך ניט – אַלץ יענעמס צו פאַרזאָרגן. איין גליק וואָס סוזי איז אַ מאַמע. – האָט זי אַ זיפץ געטאָן און איז גרייט געווען צו לאָזן אַ טרער.

אַרטשען האָט ניט געאַרט וואָס סוזי האַלט ניט פון אים. אָבער אָנרירן זיין טאַטן, דאָס איז, ווי עמעצער וואָלט אים אַ צופּ געטאָן פאַרן לעבער. מיט אַ מאָל האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זיין ווייב האָט אַ מאָל געהייסן פעסל.

– נאָר מיט געלט זיך אָפּקויפן, האַ פעסל? נאַט אייך די פּאָר פונט און שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט. אַ ביסל מענטשלעכקייטט דאַרף אַ יתום, אַ וואַרעם וואָרט, אַ טאַטן דאַרפן זיי און ניט קיין געלט. געלט קענען זיי מאַכן מער פון מיר מיט דיר איינאיינעם. זיי זענען געקומען פון וואַלד. דאָרט האָט איין מענטש געפרעסן דעם צווייטן. דאָרט האָט מען זיי געיאָגט, ווי היגע פאַרמערס יאָגן דעם דינגאָ, -ער האָט נאָך געהאַט וואָס צו זאָגן, נאָר סוזי האָט אים אָפּגעהאַקט קורץ: "ס'טאַטעלע רעדט שוין פון אים אַרויס"... האָט אַרטשע געזען, אַז עס זענען אומזיסט זיינע רייד. "צופיל שמאַלץ אַרום האַרצן – קענען ניט דערגיין יענעמס צרות"...

"די אייגענע קינדער וועט פעסל פאַרזאָרגן – האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט. – מעג זי אַפילו הייסן סוזי, וואָס אָן אמת – אַ געטרייע מאַמע איז זי". ער איז גרייט אַפילו אַ שמועס צו טאָן מיטן מיסטער וואָלפסאָן מען זאָל די ביזנעם מיט די הייזער־בלאָקן אָפּגעבן די קינדער אין נדן; און פּטור אָן עסק.

* * *

די נייעס אויף וועלכע ער האָט געוואַרט, האָט אים געבראַכט ברײַנדל. דוכט זיך אַ שטילע, אַ שעמעוודיקע, מיטן קאָפּ פאַרגראָבן אין דער אַרבעט און זעט ניט קיין מענטש. זשאַמע, אַ דרייסטער איינער וואָס איז געגאַנגען מיטן קאָפּ אין פייער, האָט זיך

איינגעשפּאַרט: - ניין און ניין - ער קען דאָס דעם פעטער ניט זאָגן, ס'דרייט זיך אים די צונג ניט איבער.

אַרטשע האָט דערפילט, אַז ערשט איצט האָט ער וואָס צו טאָן.

מיט בריינדלען האָבן זיי באַקוקט אַ וווינונג, די צימערן ,דאָס מעבל, וואָס מען דאַרף דאָ אַריינשטעלן. דאָס שווייגעוודיקע מיידל, וואָס איז דווקא געווען ניט קיין מיאוסע, מען קאָן אַפילו זאָגן, אַ חנוודיקע, האָט אַרטשען אויסגעזען גאַנץ שכלדיק און מיט אַ באַלעבאַטישן קוק, ס'איז ניט כאַפּ־לאַפּ, אַבי אַ חתונקע. זי ווייס וואָס זי וויל.

זשאַמע איז זיי נאָכגעגאַנגען אַ שטומער. ווי אַ געטרייער הונט האָט ער געקוקט מיט ליבשאַפט דאָ אויפן מיידל און דאָ אויפן פעטער. אַלץ האָט אים אויסגעזען ווי אַ מעשה. אַ פאַרצייטיקע מעשה, וואָס ער האָט אַ מאָל געהערט פון אַ בלינדן בעטלער אין וואַלד. זשאַמע האָט קיין מאָל ניט געגלויבט, אַז גוטע מענטשן זענען דאָ אויף דער וועלט. אַז ער זעט דעם פעטער אַרטשע און בריינדלען, דוכט זיך אים, אַז דער בלינדער אין וואַלד איז געווען אַ פאַרשטעלטער בלינדער, ער האָט געזען ווייטער און טיפער, האָט געזען מער ווי אַ זעעוודיקער...

אַרטשע האָט געפּראַוועט אַ חתונה, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גביר. סאַרווערס אין פראַקן מיט קוישן ווײַן און בלומען. די כלה, אויסגעפּוצט אין ווייסן מיט אַ לאַנגן שלעפּ און אַ קרוין, וואָס האָט געפינקלט מיט זילבערנע שטיינדלעך. זשאַמע, אַ הויכער, שיינער בחור, איז געזעסן אויבן אָן, אים האָט זיך געגלוסט וויינען. אַזאַ מין ווייכע וואַרעמקייט האָט אים אַרומגענומען ביים האַרצן, אַז עס איז רעכט געווען זיך צו צעכליפּען דאָ־אָ, פאַרן גאַנצן עולם.

קיין מאָל האָט זשאַמע ניט געוויינט. פאַרשטשירעט די ציין, פאַרביסן זיך איינגעקלעמערט אין נאַגאַן און אַ זאָג געטאָן צו זיך: - די נשמה פון זיי... חברים זענען געפאַלן. דער הונגער האָט געפרעסן. די קעלט האָט דורכגענומען, דער שונא האָט אַרומגערינגלט און ייִנגלעך האָבן זיך אַליין ס'לעבן גענומען. נאָר זשאַמע האָט געהאַט איין וואָרט: - די נשמה פון זיי... און אַצינד, צווישן אַזוי פיל פריינד, גלוסט זיך אים וויינען. זיין נשמה האָט ניט געקאָנט פאַרנעמען אַזוי פיל פרייד, און אַלץ צוליב אים. ער האָט נערוועז געווישט די נאָז מיטן ווייסן טיכל, טאָמער נעמען די טרערן רינען פון זיך אַליין. ער האָט געזוכט בריינדלס בליק, און זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען. אירע אויגן האָבן געהאַט אַ וואַרעמען, פייכטן גלאַנץ.

אַלע גלינישטשער האָבן זיך צוגעשטעלט. יעדערער האָט מיטגעבראַכט אַ פיינע מתנה. אַפילו אייזיק ראַבקין האָט זיך געמאַכט פאַרגעסן די גאַנצע מעשה און אונטערגעטראָגן אַ טשעק.

אַלע האָבן געווונטשן אַרטשען מזל טוב!

- מזל טוב, אַרטשע, ביזט אַן אייגענער טאַטע צו אונדזערע קינדער...

אַרטשע האָט די געסט צעזעצט ביי די טישלעך. די מוזיק האָט געשפּילט ניגונים, וועלכע מען האָט געקאָנט הערן אויף חתונות, אין די גלינישטשעס, אין מאָטעלע. ניגונים וויינענדיקע, בעטנדיקע. די קעלנער האָבן דערלאַנגט די גאָלדענע יויך, די געבראָטענע הינער און אָנגעפילט די כוסות, דעמאָלט, ווען יעדער איינער איז געווען פאַרטאָן אין עסן, אין שמועסן מיטן שכן און באַוואונדערן ס'פּאָרל - האָט אַרטשע אָנגעגאָסן זיין כוס, און אַ זאָג געטאָן צו זיך אין דער שטיל:

- לחיים, אַרטשע, דאַכט זיך, דו האָסט ניט פאַרשעמט דיין טאַטן...

פיניע פלאָטקין

## דער אורטייל

מיט מיר האָט מען זיך זעלטן-ווען באַרימט,
ניט אַלע מאָל מיך, ווי אַ מענטש, פאַרשטאַנען.
מיין אורטייל איז שוין דאַן געווען באַשטימט
נאָך איידער ס׳האָט געבוירן מיך די מאַמע.
מיין טאַטע, פונקט ווי אַלע טאַטעס, לאַנג
אַ וועג אַ גוטן האָט פאַר מיר געקליבן,
נאָר ער איז ניט געקומען צום געדאַנק
אַ קוק טאָן, וואָס אין אורטייל איז פאַרשריבן.

## צו דעם פידעלע

דו האָסט מיך געזוכט און דו האָסט מיך געפונען,
כ׳זאָל הערן ווי פידעלע - שפּילן דו קענסט.
דו ביסט אָן אַ ספק, דער זיבעטער וווּנדער,
דו ביסט, אָן אַ ספק, דער זיבעטער נס.

ווער מילדער פון דיר איז געוועזן און צאַרטער,
צו וועמען דיין שטילער געזאַנג איז געווענדט,
ווו איז דער פידלער - דער מענטש דער באַגאַבטער?
זאָלן אים דינען די גאָלדענע הענט.

זאָלן אים דינען די זילבערנע סטרונעס...
די קלאַנגען די זויבערע דיינע, איך שווער,
האָבן אַן אָרט אין מיין האַרצן געפונען -
זיי גיסן זיך ווי פון אַ קוואַל אויף דער ערד.

## די פייגל קומען

אויב דעם ווינט איז ניט געפערלעך
אין דער וועלט אַריין זיך טראָגן,
הייסט עס ניט, אַז אים איז מעגלעך
אייך אַצינד אַריבעריאָגן.

ס׳וועט דער ווינטער זיך ניט ציען
לענגער פון אַן אַנדער ווינטער.
פליט און קומט צוריק צופליען
גליקלעכע ווי מיינע קינדער.

איך בין אויך געווען אַ יונגער
און ווי איר טאַקע געראָטן.
אייך איז אַלע מאָל געלונגען,
אייך איז גאָרנישט ניט פאַרבאָטן.

קיינער איז אויף אייך ניט ברוגז,
זאָל אייך צופיל ניט פאַרדריסן...
כ׳וויל אַז איר זאָלט, ווי דער שטייגער.
אַ געזונטן מיך דערוויסן.

משה וואָלף

# דער פּאָגראָם איבער די יידן אין איראַק

"כי בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו"

שוין 65 יאָר זענען אַוועק פון יענער שרעקלעכער צייט. דעם 1־טן יוני 1941 האָט אין באַגדאַד זיך צעפלאַקערט אַ פּאָגראָם איבער דער יידישער באַפעלקערונג. אין יענע שרעקלעכע טעג זענען דערהרגעט געוואָרן 200 איראַקער יידן, 2000 - פאַרוווּנדעט, און 900 יידישע הייזער האָבן די מערדער חרוב געמאַכט. דער דאָזיקער פּאָגראָם איז געווען דער אָנהייב פונעם סוף פון דער יידישער קהילה אין איראַק, וועלכע האָט דאָרט אָפּגעלעבט 2600 יאָר. זי איז אויפגעקומען מיט 1000 יאָר פריער פון דער אַראַבער־מוסולמענער באַפעלקערונג אין לאַנד. די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט אין איראַק דערגרייכט 125,000 נפשות.

היינט איז אין איראַק נישט פאַרבליבן קיין איין ייד.

די פּאַרטיידיקער פון פּאָגראָמען איבער יידן דערקלערן, אַז דער מאָדערנער "יודן ריין" אין די אַראַבישע מלוכות פון נאָענטן מזרח און פון צפון־אַפריקע - איז פאַרבונדן מיט דעם ווידער אויפקום פון מדינת ישראל. זיי טענהען, אַז די יידן פון די אַראַבישע לענדער זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע עוולות, וועלכע זענען באַגאַנגען געוואָרן קעגן די אַראַבער אין ישראל.

אַזוי האָט אין דעם חודשלעכן צווישן-רעליגיעזן ביולעטין פון קאָנטראַ־קאָסטאַ (קאַליפאָרניע) דער קאָנקאָרדער אימאַם, ד"ר אַמיר אַראַים, וועלכער האָט אין זיין צייט פאַרטראָטן אין יו"ען דעם סאַדאַם כוסיינישן רעזשים, פאַרבונדן דאָס פאַרשווינדן פון די איראַקער יידן מיט די ווידערשפּרעכלעכע געשעענישן אין דעיר־יאַסין. דאָס דאָזיקע אַראַבישע דאָרף האָט צה"ל פאַרנומען בעת דער ישראל־אַראַבישער מלחמה אין 1948. די אַראַבישע פּראָפּאַגאַנדיסטן קריכן עד היום פון דער הויט אַרויס צו באַווייזן, אַז די ישראלים האָבן אָן שום סיבה אויסגעשאָכטן די גאַנצע באַפעלקערונג פונעם דאָרף.

אַראַים'ס דערקלערונג, אַז דער פּאָגראָם אין באַגדאַד איז געווען פאַרבונדן מיט די געשעענישן אין דעיר־יאַסין איז נישט נאָר שקר וכזב, נאָר אויך אַ גראָבע עמארצות. דער פּאָגראָם איבער די יידן אין איראַק איז פאָרגעקומען אַ צייט פריער איידער ס'איז אויפגעקומען מדינת ישראל און עס האָט זיך באַוויזן דער ערשטער פּאַלעסטינער פּליט. דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן 3 אַ זייגער דעם 1 טן יוני 1941, ווען די יידן האָבן געפייערט דעם יום־טוב שבועות און האָט זיך צעפלאַקערט, ווען דער פראַנאַציסטישער המון איז אָנגעפאַלן אויף די יידישע גזועלשאַפטלעכע פאָרשטייער. די יידישע איינווינער זענען צו יענער צייט זיך צונויפגעקומען אויפן בריק אַל־חור אין באַגדאַד, ווו זיי האָבן געוואָלט באַגריסן דעם איראַקער הערשער אַבדול אַל־אילאַך, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון אַן אויסלענדישן וויזיט, אַ היים.

די אַראַבער האָבן געהרגעט די יידן, געשענדט זייערע פרויען, צערויבט זייער גוטס און אונטערגעצונדן זייערע הייזער. ווייזט אויס, ווייסנדיק, אַז דער ערשטער יוני איז דער אינטערנאַציאָנאַלער קינדער־טאָג, האָבן די אַראַבער באַרבאַרן באַזונדערס אָנגעצילט זייער רציחה אויף די יידישע קינדער. פאַר די אויגן פון די עלטערן האָבן זיי געהרגעט

זייערע קינדער. דער אָנפירער פון דער פּאָליציי האָט זיך אָפּגעזאָגט אָננעמען וועלכע ס'איז מאָסמיטלען קעגן דער באַרבאַרישער רציחה.

עד היום ברענגען דערמאָנונגען פונעם פּאָגראָם אין פאַרלעגנהייט די אַראַבישע פּראָפּאַגאַנדיסטן: ערשטנס, דערמאָנט ער וועגן כמעט אַ מיליאָן יידישע פּליטים פון נאָענטן מזרח. אין אונטערשיד פון די אַראַבער, אַנטלאָפענע פון ישראל, האָבן די פאַראייניקטע נאַציעס (יו"ען) נישט אָנערקענט די יידישע פּליטים און קיין שום הילף זיי ניט געגעבן. הילף האָבן זיי באַקומען נאָר פון די יידישע תפוצות־קהילות און פון ישראל. אין אונטערשייד פון די אַראַבישע פּליטים פון פּאַלעסטינע, האָבן די יידישע פּליטים זיך ניט געמאַטערט 4 דורות אין די לאַגערן, במשך פון עטלעכע יאָר זענען זיי געוואָרן בירגערס פון ישראל און פון פאַרשיידענע מערב־לענדער.

צווייטנס, דער פּאָגראָם איבער די יידן איז געווען אַ נאַציִשער פּאָגראָם. אים האָט אָרגאַניזירט דער אַזוי גערופענער "ירושלים'ער גרויס מופטי" כאַדזי אַמין אַל־כוסיין. ער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די נאַציס, לויט וועלכן זיי האָבן באַדאַרפט אַראָפּוואַרפן די פּראָענגלישע איראַקער רעגירונג. אַלס קאָמפּענסאַציע האָט דער מופטי גענומען אויף זיך דעם חוב צוצושטעלן דער נאַצישער אַרמיי איראַקישע נאַפט, אין וועלכער היטלער האָט זיך שטאַרק געניטיקט, כדי צו פירן זיין זיגרייכע מלחמה. פאַר דעם האָבן די נאַצישע מערדער באַדאַרפט אויסראָטן אַלע יידן פון פּאַלעסטינע, וועלכע האָט זיך געפונען אונטער דעם ענגלישן מאַנדאַט.

אין אָקטאָבער 1939 איז דער מופטי געקומען פון ירושלים קיין איראַק. ער האָט באַדאַרפט פאַרגיכערן די איבערקערעניש. אין זיינע היסטערישע רעדעס האָט ער זיך גענוצט מיט נאַצישע אַנטיסעמיטישע לאָזונגען. זיי פלעגן זיך אָנהייבן און פאַרענדיקן מיט אַ באַשטעטיקונג, אַז יידן זענען "שונאים פון דער מדינה".

אָנפירן מיט דער פאַרפּלאַנירטער איבערקערעניש האָבן געזאָלט די נאַצי־אָפיצערן פון דער איראַקישער אַרמיי.

די איבערקערעניש האָט זיך ניט איינגעגעבן. דער מופטי איז אַנטלאָפן פון איראַק קיין בערלין. דאָרטן האָט אים מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען דער הויפּט פון ס"ס הענריך הימלער, און דערנאָך – היטלער בעצמו, יש'ו. ס'איז וויכטיק צוצוגעבן, אַז, די נאַציס האָבן באַטראַכט די אַראַבער ניט בעסער ווי די יידן. אָבער זיי האָבן געהאַלטן דעם מופטי פאַר אַ נוצלעכן פאַרבינדעטן אין קאַמף מיט ענגלאַנד. אַ חוץ דעם איז זיי געפעלן געוואָרן זיין פאַרביסענער אַנטיסעמיטיזם. אין בערלין האָבן די נאַציס אים דערלויבט טראַנסלירן זיינע ראַדיאָ־רעדעס אין אַראַביש. זיין יודאָפאָבישע פּראָפּאַגאַנדע האָט געדינט די אינטערעסן סיי פון די נאַציס, סיי – פון די אַראַבער. די אַנטיסעמיטישע ירושה פונעם מופטי איז געוואָרן אַ טייל פון דער איראַקישער און בכלל – פון דער אַל־אַראַבישער קולטור.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אויספיר געפעלט נישט די היינטצייטיקע אַראַבישע פּראָפּאַגאַנדיסטן. זיי האָבן ליב צוצוגלייכן די יידן צו די נאַציס. אָבער אָביעקטיווע היסטאָרישע פאַקטן באַווייזן, אַז נאַציזם איז בפירוש אַ טייל פון דער היינטצייטיקער אַראַבישער קולטור. אין 1947, אין די טעג, ווען די יו"ען האָט באַהאַנדלט די פּראָבלעם פון דער אונטערמאַנדאַטישער פּאַלעסטינע, האָבן די איראַקער געמאַכט נייע פּאָגראָמען איבער די יידן. פונקט ווי די נאַציס האָבן זיי אָפּגענומען ביי די יידן זייער אייגנטום אויף די איראַקישע און סירישע סאָציאַליסטן־באַאַיטסטן זענען באַגייסטערט פון דער נאַציסטישער אידעאָלאָגיע. דאָס באַווייזט נאָך אַ מאָל, אַז אַנטיסעמיטיזם איז נישט נאָר

אַ טייל פון דער מערבדיקער קולטור. ער איז אויך אַן איינגעוואָרצלטע דערשיינונג אין דער קולטור פון די לענדער אין נאָענטן מזרח.

דער איראַקער פּאָגראָם האָט געבראַכט דערצו, אַז אַלע יידן האָבן אין גיכן פאַרלאָזט דאָס לאַנד, זייערע היימען און זייער גוטס. דעם 23 סעפטעמבער 1948, אויפן סמך פון אַ פאַלשן בילבול, האָבן די אַראַבער עפנטלעך אויפגעהאָנגען דעם רייכסטן איראַקער ייד סאַפיקן אַדעסן. זיין אייגנטום איז קאָנפיסקירט געוואָרן. זיין גוף האָט זיך געהוידעט אויף דער תליה, וואָס איז ספּעציעל אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דעם הויפּט-פּלאַץ פון באַסרע. דער צעווילדעוועטער המון האָט געטאַנצט אַרום דעם אויפגעהאָנגענעם און מיט גרויס פרייד צעגלידערט זיין גוף.

אין אַ חודש אַרום זענען אַלע איראַקער יידן, וועלכע האָבן געדינט אויף ציווילע שטעלעס, מיט אַ מאָל באַפרייט געוואָרן פון זייער אַרבעט. די איראַקער אַראַבער האָבן סיסטעמאַטיש צעראַבעוועט די יידישע הייזער - זייער האָב און גוטס. די פּאָליטישע אָליגאַרכן האָבן ציניש אויסגענוצט די לאַגע. זיי זענען געוואָרן אַלץ רייכער און רייכער. דאָס האָט געצוווּנגען די יידן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און נוצן זיך מיט דער הילף פון דעם איראַקישן רייזע-ביוראָ כדי וואָס גיכער קומען קיין ישראל.

אין יענער צייט פלעגן פון איראַק אַנטלויפן דערפירטע צו גרויסער אָרעמקייט, 15,000 יידן אַ יאָר. די איראַקער לידערס האָבן אויף אַזאַ אופן געוואָלט "באַזיגן" ישראל, זאָל זיין נאָר עקאָנאָמיש. ישראל האָט אויפגענומען אַלע פּליטים, הגם אין יענער צייט האָט זי ניט געהאַט גענוג געצעלטן אויף איינצואָרדענען זיי. און דאָך זענען די איראַקער יידן געלאָפן קיין ישראל. זייער מצב איז אין דער ערשטער צייט געווען אַ שרעקלעכער. אָבער במשך פון אַ יאָר צוויי-דריי האָט די רעגירונג זיי אַלע איינגעאָרדנט ווי עס איז נאָר מעגלעך געווען. יעדנפאַלס, קיינער פון זיי איז ניט פאַרבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אין יאוש און אָן האָפענונג, אַז מאָרגן וועט זיין בעסער ווי היינט.

וועגן דער לאַגע פון אַן ערך אַ מיליאָן יידישע פּליטים פון די אַראַבישע לענדער איז נאָך ביז היינט וויניק באַוווּסט. דערציילן דעם אמת וועגן דעם פּאָגראָם אין איראַק איז וויכטיק און אַקטועל עד היום - דאָס פאָדערט די פאַרגעסענע היסטאָריע פון אַ גרויסער פאַרפאָלגטער עדה יידן, וועמענס ליידן און פאַרפאָלגונגען זענען נאָך וויניק באַוווּסט.*

---

*) איך האַלט פאַר מיין חוב אויסצודריקן אַ האַרצלעכן דאַנק דעם רוסישן שרייבער וו. ליובימאָוון פאַר זיין הילף - פאַר די צוגעשיקטע רוסישע מאַטעריאַלן, אָן וועלכע איך וואָלט ניט געקאָנט אָנשרייבן דעם אַרטיקל.
**מ.וו.**

משה שקליאַר

# לידער פון שפּיטאָל

* * *

פון טיפן שלאָף זיך אויפגעוועקט
און אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן,
פון אומעטום עס הויערט שרעק -
די שאָטנס אויף די ווייסע ווענט
ווי צעווילדעוועטע רייטערס
אויף גרויע פערד מיט שויבער־גריוועס
גלייך אַנטקעגן מיר זיי לויפן.
איך פּרוּוו זיך אויפרייסן פון בעט
נאָר הענט און פיס זענען געבונדן,
אין די שלייפן ווי מיט שרויפן
עמעץ וואָלט געבויערט לעכער,
לאָזנדיק דאָרט טיפע וווּנדן.
פּרוּוו איך שרייען, העכער, העכער,
נאָר קיינער הערט נישט מיינע רופן.
מיט שטאַרע פינגער כ׳פּרוּוו באַרירן
מיין ווייטקדיקן גוף, און
ס׳קאָנען נישט די פינגער שפּירן,
ווי געווען זיי וואָלטן שטיינער.

ווידער שליסן זיך די אויגן,
וואָס געווען זענען האַלב אָפן,
ווי אין חלום זע איך, איינער
איבער מיר ט׳זיך אָנגעבויגן
און ער פליסטערט -
נאָר נישט שלאָפן,
נאָר נישט שלאָפן...

* * *

די בלייכע זייגערס -
קעפּ געהאָנגענע
אָן גופים און נשמות.
די ווייזערס
באַוועגן רונד אַרום זיך
ציילנדיק די רגעס און מינוטן
ביז דער צוועלפטער שעה,
און אויס,
נישטאָ,
נישט די זייגערס,

נישט די רגעס און מינוטן.
געבליבן איז דער פּאַציענט,
וואָס איז אַ רגע בלויז
געוועזן פֿאַרבלענדט.

* * *

ראָזי פֿון די פֿיליפּינען,
ווו די פּאַלמע־ביימער גרינע
שפּיגלען זיך אין דיינע אויגן.
ווען דו האָסט זיך אָנגעבויגן
דעם ריטעם פֿון מיין האַרץ צו מעסטן,
איך האָב דערפֿילט, אָ, גוטע שוועסטער,
ווי עס האָט דיין אָטעם הייסער
ווידער לעבן מיך געהייסן,
אָ, לאָז מיך מער אַליין נישט, ראָזי,
ס'זעט די וועלט מיט דיר אויס ראָזער,
דער הימל זעט אויס ליכטיק־בלויער,
פֿאַרוואָשן פֿונעם וואָלקן־טרויער,
די ווענט – זיי נעמען גרינען,
ווי די פּאַלמעס פֿיליפּינער,
וואָס שפּיגלען זיך אין דיינע אויגן –
ראָזי.

* * *

מיין קינד, וויש אויס די טרער
און גיב אַ שמייכל –
כ'בין ווידער דאָ.
איך קאָן פֿילן, זען און הערן,
אויף דאָס ניי איך קאָן דיך גרייכן –
כ'בין ווידער דאָ.
טייערטע, איך בין צוריק
געקומען פֿון אַ וויטן וועג,
וואָס קירצער קאָן נישט זיין,
געשטאַנען שוין ביים סאַמע ברעג
און נישט אַריין.
איז לאָמיר אויסטרינקען
פֿאַר גליק,
פֿאַר אונדזער ליבשאַפֿט,
וואָס קומט אַלע מאָל צוריק
און איז דאָ!

אהרן שפּירא / קרית ביאַליק

# ביי דער גוססדיקער מאַמען

## (דערציילונג)

דעם פּעטער שלמה, ווי איך האָב אים געדענקט פון מיט יאָרן צוריק, פלעג איך רופן "שלמהלע", ווייל ער איז געווען דראָבנע און דאַר. די געלאָקטע פּאהלעך איבער די אויערלעך אויפן גלאַטן פּנימל פלעגן אים מאַכן ענלעך צו דער ליאַלקע, וואָס מיין טאַטע האָט מיר אַ מאָל געקויפט, ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קליין מיידעלע. איצט איז ער געשטאַנען אין דער אָפענער טיר פון שטוב און האָט מיך אָפּגעוואַרט.

אין משך פון די יאָרן, וואָס איך בין אויפגעוויקסן אית קיבוץ, געדינט אין מיליטער און דערנאָך שטודירט אין אַמעריקע, האָט דער פּעטער שלמה זיך געענדערט אויף נישט צו דערקענען. אויסער די געקרייזלטע פּאות, וואָס איך האָב געדענקט פון די קינדער־יאָרן, האָט אים אַרויסגעשפּראָצט אויף דער גאָמבע אַ שיטער בערדעלע און איבער דער ליפּ – אַ קוים־אָנזעעוודיק וואָנצעלע. ער איז געשטאַנען פאַר דער טיר אָנגעשטרענגט, געקוקט אין דער וועלט אַריין, ווי ער וואָלט זוכן דעם נעכטיקן טאָג און נישט געפונען... ווען איך האָב אַ רוף געטאָן: "פּעטער שלמה!" – האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין מיין ריכטונג זען ווער עס רופט. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער אויסגעשריגן:

– דאָס ביסטו, רחל? ווען דו טעלעפאָנירסט נישט, אַז דו קומסט, וואָלט איך דיך נישט דערקענט... "ביסט געוואָרן שיין", האָט ער שעמעוודיק געזאָגט, ווי ער וואָלט מיר געבן אָנצוהערן אינטימלעכס... קום אַריין צו דער מאַמען, זע זיך מיט איר איידער עס וועט זיין צו שפּעט...

דער זאָג: "זע זיך מיט איר איידער עס וועט זיין צו שפּעט..." האָט מיר אַ קלעם געטאָן ביים האַרץ. ספּאַזמעס האָבן מיך גענומען שטיקן, איך האָב זיך אָבער איינגעהאַלטן מיט די לעצטע כוחות נישט אַרויסצווייזן דער מאַמען, אַז איך וויין. ווען כ׳בין אַריין אין צימער, איז זי, ווי נעכטן, געלעגן אין בעט צוגעדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך. דאָס פּנים טרוקן און געל ווי וואַקס; דער קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט אַ ווייסן טוך, אַז מען האָט קוים אַרויסגעזען דעם שטערן. די אויגן, וואָס האָבן אַ מאָל געבלישטשעט ווי שוואַרצע קאַרשן, האָבן איצט פאַרלוירן דעם קאָליר און גלאַנץ. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי זענען וואַסערדיק־גרוי. זי האָט געקוקט פאַרגלאָצט, נישט געזען וואָס עס טוט זיך אַרום.

– מאַמע, שלום! – האָב איך אויסגערופן. די מאַמע האָט נישט רעאַגירט.

– וואָס איז דיר, מאַמע? – האָב איך זי געפרעגט. די מאַמע האָט נישט געענטפערט...

– שלמה! – בין איך אַרויס מיט אַ ספּאַזם. – וואָס קומט פאָר מיט דער מאַמען? וואָס איז איר?...

דער פּעטער שלמה האָט געפרוווט מיך באַרויקן.

– וויין זיך אויס. ווען דו וועסט קומען צו זיך, וועל איך דיר אַלץ דערציילן.

איך האָב געוויינט אַ היפּשע צייט. כ׳האָב געקוקט דער מאַמען אין די האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן; גערעדט צו איר, געבעטן זי זאָל זיך אָנרופן. כ׳האָב זי געפרעגט, צי זי וויל עפּעס צום דערכאַפּן דאָס האַרץ. די מאַמע האָט שטיל געקרעכצט, ווייזט אויס פון יסורים, זי האָט געגלאָצט מיט די אויגן און נישט געענטפערט. ווען איך בין מיד געוואָרן פון וויינען, האָט דער פּעטער שלמה געזאָגט:

- הער, רחלי! איך, ווי איך, נאָר דיינע מומעס, באַזונדערס ייסכה און שולמית, וואַרפן די שולד פון דיין מאַמעס מצב אויף דיר. זיי טענהן, אַז דו טראָגסט אויפן געוויסן דער מאַמעס גוססן, דערפאַר האָבן זיי דיך נעכטן אַרויסגעטריבן.

דעם פעטערס ווערטער, אַז איך בין שולדיק אין דער מאַמעס גוססן, האָבן מיך דערשלאָגן, איך האָב נישט געקענט אויסרעדן קיין וואָרט. די געדאַנקען האָבן זיך גענומען ביי מיר מישן. איך האָב נישט געקענט באַנעמען: וואָס האָב איך אָפּגעטאָן דער מאַמען, וואָס זי איז אין אַזאַ מצב?

- שלמה, זאָג מיר, - האָב איך געשריען, - וואָס אַזוינס האָב איך געטאָן דער מאַמען, וואָס די מומעס באַשולדיקן מיך?

שלמה איז אויך געווען זיכער, אַז איך בין שולדיק אין דער מאַמעס מצב. ער האָט אָבער געדערדט צו מיר אין אַ מילדן טאָן און מיך געבעטן, כ'זאָל בלייבן מיט דער מאַמען; אין דעם זכות - האָט ער געזאָגט - וועט דער אייבערשטער איר העלפן און זי וועט געזונט ווערן.

"זיי וויסן, אַז נאָך דעם, ווי דיינע טאַטע-מאַמע האָבן זיך געגט און דער טאַטע דיינער האָט דיך אַוועקגעשיקט אין אַ קיבוץ, איז די מאַמע געבליבן אַן עלנטע. דיין טאַטע האָט געטאָן אַלץ, דיך אַוועקצורייסן פון דיין מאַמען און פון אונדז, איר משפחה, און ס'איז אים געלונגען. דו ביסט געוואַקסן, ווי דיין טאַטע האָט געוואָלט. דו ביסט אַוועק דינען אין מיליטער, וואָס ביי אונדז, תימנער עדה, איז נישט דערהערט, טעכטער פון פרומע הייזער זאָלן דינען אין מיליטער, בפרט צוזאַמען מיט מענער! דערנאָך האָט ער דיך אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע.

- וואָס טוט אַ מיידל, איינע אַליין, אין דער טריפהנער אַמעריקע?...

...דאָס אָפּרייסן דיך פון דער מאַמען האָט זי נידערגעשלאָגן. - האָט ער ווייטער געצויגן - זי האָט געוויינט טאָג און נאַכט. פאַר צרות האָט זי אָנגעהויבן ליידן פון מאַנקאָליע. זי האָט אָנגעהויבן גיין צו דאָקטוירים, גענומען רפואות, אָבער קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. מיר האָבן זי אַוועקגעפירט צום הרב כדורי קיין ירושלים און אים דערציילט וועגן דיין טאַטן און דיר. דער צדיק האָט געהייסן דיך צוריקברענגען אַ היים. ווען מיר זענען געקומען צו דיין טאַטן מיט דעם פסק פונעם צדיק, האָט ער געשפּעט פון אונדז. ער האָט אונדז באַליידיקט; "פּרימיטיווע אַזיאַטן" האָט ער אונדז גערופן, און נאָך אַזעלכע רייד. מיר זענען אַוועק פון אים מיט גאָרנישט. דער סוף איז געווען, אַז דיין טאַטע האָט באַקומען זיין שטראָף פון הימל... אָבער דיין מאַמע? ...וואָס איז זי נעבעך שולדיק?...

- רחלי! פאָר נישט צוריק קיין אַמעריקע! בלייב מיט דער מאַמען! אין דעם זכות וועט דער אייבערשטער איר העלפן און זי וועט ווערן געזונט... - האָט ער איבערגעחזרט.

מיין פעטערס רייד האָבן מיך אַזוי געטראָפן, אַז כ'האָב פאַרגעסן, ווער און וואָס איך בין. כ'האָב פאַרגעסן אַז כ'שטודיר אויפן בערקליי-אוניווערסיטעט, אַז כ'בין דאָרט באַפריינדט מיט אַ סטודענט, אַ מוזיקער. ער איז, וואָס אַן אמת, אַ נעגער, איז וואָס?! און איך, ווער בין איך?... אַ תימנרין, אָדער אפשר אַ ליטווינערין?... צי בין איך נישט געניינגט נעענטער צו דער מאַמען מיט איר משפחה, ווי צום טאַטן?... אויב ס'איז אמת, אַז די מאַמע וועט, אין מיין זכות, געזונט ווערן, מוז איך בלייבן מיט איר.

- שלמה - האָב איך זיך אָפּגערופן צום פעטער - איך בלייב מיט דער מאַמען!

אַן איבערראַשטער, האָט דער פעטער מיך אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן אין שטערן און, ווי ער וואָלט וועלן זיך פאַרענטפערן, האָט ער, אַ פאַררויטלטער אויפן פנים

צוגעגעבן: "אַ שוועסטערן־טאָכטער מעג מען טאָן אַ קוש!..."

ער האָט אין איילעניש אָנגעקלונגען צו דער מומען ייסכה און אין אַ לענגערן שמועס איר דערציילט, וואָס ס'איז נאַר־וואָס פּאַרגעקומען צווישן אים מיט מיר. "זי האָט באַשלאָסן, האָט ער איר געזאָגט, צו בלייבן מיט דער מאַמען". ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און די מומע איז געקומען. זי איז געווען צוריקגעהאַלטן, וואָרעם זי האָט נישט פאַרגעסן, וואָס ס'איז נעכטן פּאַרגעקומען. אַריינקומענדיק אין שטוב האָט זי געזאָגט "שלום, רחלי!" און גענומען רעדן צו מיר אין אַ מילדן טאָן: שלמה האָט מיר אַלץ דערציילט דורכן טעלעפאָן. דו וועסט טיילן מיט מיר און שולמיתן דאָס זיצן ביי דער מאַמען און איר באַדינען. די מאַמע נייטיקט זיך אין קאָרמענען מיט אַ לעפל שיטער געקעכטס אין מויל אַריין. זי איז ווי אַ קליין קינד. אויב מען גיט איר נישט, עסט זי נישט. מיר וועלן זיך טוישן יעדע אַכט שעה און באַפרייען שלמהן, זאָל ער גיין אין זיין כולל לערנען און מתפלל זיין צום רבונות של עולם פאַרן געזונט פון דיין מאַמען. דאָס בעט, וואָס שטייט ביי דער וואַנט, איז פאַר יעדן ווער עס וואַכט דאָ. קענסט זיך דערויף צולעגן אויב דו ביסט מיד. נאָך די אַכט שעה וועסטו קומען צו מיר אין מיין דירה, איך וועל דיר אָפּגעבן אַ באַזונדער חדר. דו וועסט זיך פילן ווי אַ יידישע טאָכטער. אין אייזשאַנק געפינען זיך פּראָדוקטן. דו קענסט אָפּקאָכן געקעכטס פאַר דער מאַמען און פאַר זיך. פּראָדוקטן קויפן מיר. דאָס הייסט: איך און שלומית. און איצט, – צו דער אַרבעט! – האָט זי באַפעלעריש געזאָגט.

– זאָג מיר מומע. – האָב איך זיך געווענדט צו איר אין אַן אָפיציעלן טאָן. – ווי איך זע, וואָלט די מאַמע באַדאַרפט גיין אין שפּיטאָל. צו זיין אונטער אַן אויפזיכט פון דאָקטוירים, און נישט ליגן אין שטוב און מאַטערן די משפחה. פאַר וואָס פירט מען זי נישט אין שפּיטאָל?

– פאַר די צוויי יאָר, פון זינט זי איז קראַנק, איז זי שוין געלעגן אין שפּיטאָל אַ מאָל פינף, יעדעס מאָל צו עטלעכע וואָכן. די קראַנקן־קאַסע וויל נישט צאָלן קיין גרויסע סומעס, שיקט מען שוער קראַנקע, נאָך עטלעכע וואָכן זיין אין שפּיטאָל, אַ היים, די משפחה זאָל זיך מיט זיי פאַרנעמען. אַוודאי וואָלט די מאַמע באַדאַרפט זיין אין שפּיטאָל, מען האָט זי מיט צוויי וואָכן צוריק אַ היים געשיקט. אַלע פאָר טעג קומט אַ דאָקטער פון קופּת־חולים, ער באַטראַכט זי, ער גיט אָנווייזונגען וועגן ווייטער און גייט אַוועק. איך זאָג דיר, רחל, די מאַמע דאַרף אַ ישועה פון הימל... איך גיי איצט אַ היים. פאַרנאַכט וועל איך קומען מיט שולמיתן. שולמית וועט דיך פאַרבייטן און איך וועל דיך נעמען צו מיר.

דער פעטער און די מומע זענען אַוועק, און איך בין געבליבן מיט דער מאַמען. כ'האָב געטאָן ווי די מומע האָט מיר אָנגעזאָגט: כ'האָב געקאָרמעט די מאַמע ווי אַ קליין קינד. לויט די סימנים אויף שטום־שלום, לויטן אויפגעצוווּנגענעם שמייכל אויפן געל אויסגעטריקנטן, ווי פאַרמעט, פּנים, האָב איך געפילט, אַז זי איז צופרידן צו האָבן מיך ביי זיך. אָבער פון איר אויסזען האָט מיין האַרץ ביטער געוויינט. ווען זי איז איינגעשלאָפן האָב איך אָפּגעקאָכט פאַר זיך אַ גרויפּנזופּ און קאַרטאָפל־קאַשע באַשמאַלצן מיט געפּרעגלטע ציבעלע. אָפּגעגעסן און פאַרטרונקען מיט אַ גלאָז זיסע טיי, האָב איך געזוכט מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען. קיין ביכער און קיין צייטונג איז ביי דער מאַמען אין שטוב נישט געווען. דערקענען איז אויף אַ שטול, ביים בעט, געלעגן אַן "עין־יעקב", אַ "צאנה וראינה", אַ תהילימל און אַ סידור צום דאַווענען. מיך האָבן די הייליקע ספרים קיין מאָל נישט אינטערעסירט; נישט אין דער מלוכישער שולע, ווּהין מיין טאַטע האָט מיך

געשיקט לערנען, נישט אין קיבוץ ווו איך בין אויסגעוואָקסן, נישט אין מיליטער, ווו איך האָב געדינט צוויי יאָר, און אַוודאי נישט אין בערקליי־אוניווערסיטעט אין קאַליפאָרניע, ווו איך שטודיר, - אין ערגעץ האָט מען זיך נישט פאַרנומען מיט רעליגיעזע ענינים. איז מיר געוואָרן לאַנגווײַליק דאָס זיצן און קוקן, צי די מאַמע שלאָפט אָדער זי כאַפּט זיך אויף, כ׳זאָל איר העלפן טאָן אירע געברויכן אָדער זי אָנקאָרמען. אַז מען לאַנגווײַליקט זיך, קומען אומגעבעטענע געדאַנקען, וואָס עקבערן דעם מוח.

פאַרנאַכט זענען געקומען די מומעס, ייסכה און שולמית. שולמית האָט מיך פאַרביטן און ייסכה האָט מיך גענומען צו זיך אַ היים.

ס׳איז געווען אַ ישראלדיקער זומער־פאַרנאַכט. די גאַסן, די הײַזער, די דירות זענען געווען אַזוי אָנגעהיצט, אַז ס׳איז שווער געווען צו כאַפּן דעם אָטעם. אין דער גרויסער שטוב, אין אַ ווינקל, איז געשטאַנען אַ ווענטילאַטאָר, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן, ס׳האָט אָבער פון אים קוים געבלאָזן אַ ווינט. כ׳האָב געזוכט אַ געלעגנהייט אָפּצוקילן מײַן פאַרשוויצטן קערפּער פון אַ גאַנצן טאָג זיצן אין דער היץ ביי דער מאַמען. כ׳האָב עס געזאָגט דער מומען, האָט זי מיר געוויזן דעם באָדצימער. ביז איך האָב זיך אויסגעבאָדן און דערפרישט, איז שוין אויפן טיש געשטאַנען דאָס אָוונטברויט. אויבן אָן איז געזעסן דער מומע ייסכהס מאַן, הרב עוזר מימן. ער איז געווען אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, געהאַט אַ שוואַרץ צעקעמט שיטער בערדל און געלאָקטע פּיאות, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט ביים זאָגן די ברכות און ביים עסן. די גרעסערע קינדער זענען געזעסן אַרום טיש און געקוקט דעם טאַטן אין מויל אַריין, צי ער דערלויבט זיי שוין צו עסן. די מומע ייסכה האָט זיך געפּאָרעט מיט טראָגן דעם מאָלצײַט פון קיך און זאָרגן, יעדעס קינד זאָל באַקומען זײַנס. די קלענסטע זענען ביים טיש נישט געזעסן. זי האָט זיי געהאַט אָנגעקאָרמעט באַזונדער.

עוזר האָט מיר געהייסן זיצן און מיטעסן מיט אַלעמען. איך האָב זיך געפילט נישט היימיש. זיך געשעמט. כ׳האָב גענומען עסן אַ פּענעץ טרוקן ברויט מיט אַ ביסל סאַלאַט פון פאַרשיידענעם גרינוואַרג, איז עס מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז, איך האָב עס נישט געקענט אַראָפּשלינגען. אָפּגעגעסן, האָב איך פאַרטרונקען מיט אַ גלאָז ביטערע טיי פון מיאַטע־בלעטער און דערמיט האָט זיך געענדיקט דאָס אָוונטברויט אויפן דריטן טאָג פון מײַן זײַן אַ טוריסטין אין ישראל.

די מומע ייסכה האָט באַפרייט אַ צימער פון די קינדער און עס מיר אָפּגעגעבן. אויף מײַן פראַגע: "ווו וועלן די קינדער זיך אַהינטאָן?" האָט זי געענטפערט:

- דו וועסט לאַנג נישט זײַן ביי אונדז. מיר וועלן דיר אָפּזוכן אַ בחור, דו וועסט חתונה האָבן און וועסט האָבן אַן אייגענע דירה. ביז דעמאָלט וועט זײַן אַ ביסל ענגלעך.

די מומעס ווערטער "מיר וועלן דיר אָפּזוכן אַ בחור, וועסט חתונה האָבן"׳, האָבן מיך פאַרשמעליעט. ווער בין איך, וואָס מען דאַרף זוכן פאַר מיר אַ חתן? איך האָב דען געלערנט אין אַ פרומער בית־יעקב־שולע ווי די מומעס, ווו מען דערציט מיידלעך צו ווערן רביצינס? פאַר מײַנע אויגן האָט זיך געשטעלט אַ בחור ווי עוזר אָדער שלמה, מיט באָרד און פּיאורת, און ציציות, וואָס באָמבלען זיך איבער די הויזן; און איך? - מיט אַ שוואַרצן הויב אויפן קאָפּ ביז צו די אויגן, ווי די מומעס; כ׳וועל ווי זיי, זיך שאָקלען איבער דער צאנה־וראינה אָדער איבער תהלים, און יעדעס יאָר געבוירן? ... וואָס אַן אמת, פיל איך אַ נאָענטקייט צו דער מאַמעס תימנער משפחה, אָבער גיין אין די מומעס וועגן וועל איך נישט! זייער איבערגעטריבענע פרומקייט איז מיר פרעמד!

און ס׳איז געשען אַזוי, אַז אין קורצן בין איך צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע. פאַר

דעם איז דער מאַמען פון טאָג צו טאָג געוואָרן ערגער און ערגער. צום סוף האָט דער אַרויסגערופענער דאָקטער געהייסן זי נעמען אין שפיטאָל. איך האָב אַרויסגערופן אַן אַמבולאַנס און מיט דער מומע ייסכה זי באַגלייט אין שפיטאָל. מען האָט די מאַמע גלייך געלייגט אין אָפטיילונג "טיפול נמרץ" (אויסנעמיקע באַהאַנדלונג). די משפחה איז געקומען זי מבקר־חולה זיין. די מומעס האָבן געקוקט דער מאַמען אין די אויגן, וואָס זענען מיינסטנס געווען געשלאָסן. זיי האָבן צו איר גערעדט און געוויינט; די פעטערס האָבן געמורמלט תפילות אָדער געזאָגט תהילים. זיי זענען געזעסן אַ שעה - אַנדערטהאַלבן און זענען אַוועק. בלויז איך בין געזעסן דריי טעג און דריי נעכט ביי דער מאַמעס בעט און זיך צוגעקוקט ווי זי גייט אויס... צי האָב איך געוויינט, ווען זי האָט פאַרמאַכט אויף אייביק די אויגן? כ׳געדענק נישט. אַ סברה, אַז דאָס האַרץ איז מיר געווען אַזוי פאַרשטיינערט, אַז ס׳האָט נישט געקענט וויינען.

באַלד נאָך דער שבעה האָבן די מומעס גענומען צו מיר צושטיין איך זאָל זיך לאָזן רעדן אַ שידוך. דווקא דעמאָלט האָט אין מיר אויפגעוואַכט דער געדאַנק וועגן דעם טונקל־הויטיקן מוזיק־דאָקטאָראַנט, פאָרסט ראַוס, וועלכער האָט זיך אין מיר געהאַט איינגעליבט און אויך איך בין צו אים נישט געווען גלייכגילטיק...

אָן צו זאָגן אַ וואָרט אין שטוב, בין איך אַוועק אויף דער פאָסט און אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַם צו פאָרסטן מיט אַ פראַגע, צי וועט ער מיך אָפוואַרטן אויפן פליפלאַץ; דעם ענטפער זאָל ער מיר גלייך שיקן אויפן אַדרעס: "תל־אביב - יפו - פאָסט־רעסטאַנט". נאָך אין זעלבן פאַרנאַכט איז געקומען אַן ענטפער: "קום צו פאָרן, דאַרלינג! -כ׳וואַרט אויף דיר. מיט בענקשאַפט, דיין פאָרסט!"

ס׳איז מיר געבליבן כ׳זאָל אַוועקגיין פון שטוב געהיים. כ׳האָב אויסגעזוכט אַ תירוץ, אַז כ׳וויל אַרויסגיין אויפן בית־עולם אויפן טאַטנס קבר, דערצו, מוז איך פאָרן צו דער שטיפמוטער, וועלכע ווייסט ווו מען האָט באַערדיקט דעם טאַטן, און איר בעטן זי זאָל מיך אַרויספירן צום קבר. די מומע האָט מיר דערלויבט פאָרן צו דער שטימפאַמען, מיט אַ באַוואָרעניש כ׳זאָל זיך לאַנג נישט זוימען.

ווען כ׳האָב גענומען די וואַליזע, האָט זי מיך געפרעגט: צו וואָס נעמסטו דעם טשעמאָדאַן? דו וועסט דאָך לאַנג דאָרט נישט זיין. איך האָב איר געזאָגט, אַן ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן אַז די שטימפאַמע וועט מיך אויפהאַלטן ביי זיך אין הויז אַ טאָג־צוויי, דאַרף איך האָבן וועש און אַנדערע זאַכן מיט זיך.

איך בין אַרויס אין גאַס, כ׳האָב אָפגעשטעלט אַ טאַקסי און געבעטן דעם שאָפער ער זאָל מיך אַראָפלאָזן ביי אַן נאָענטער רייזע־ביוראָ. דאָס מזל האָט מיר צוגעגליקט און כ׳האָב פונקט באַקומען אַ בילעט אויף אַן אָרט אין נאָענסטן אָפפליענדיקן עראָפלאַן. אויף צומאָרגנס בין איך אַרויסגעשטיגן אויפן קענעדי־פליפעלד אין ניו־יאָרק.

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע

משה דוד חייט / ירושלים

# ווי אַ דונער פון הימל

*מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אין אַפּריל 1966, איז פּאַרגעקומען דער שרעקלעכער אויפרייס אין דער אַטאָמישער עלעקטראָסטאַנציע אין טשערנאָביל, אויף דער גרענעץ צווישן אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. עס זענען געווען אומצאָליקע קרבנות און די פּאָלגן פונעם אויפרייס לאָזן זיך פילן ביזן היינטיקן טאָג. דער שרייבער משה דוד חייט, וועלער האָט דעמאָלט געלעבט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נישט ווייט פון דער קאַטאַסטראָפע, טיילט זיך מיט זיינע איינדרוקן פון יענער צייט.*

אָפּט מאָל קומט מיר אויס צו פאָרן אין אַ קאָמאַנדיראָווקע קיין מינסק. כאָטש איך האָב אַ מעגלעכקייט צו פליען מיטן עראָפּלאַן אויפן חשבון פון דער אַרבעט, סטאַרעווע איך זיך צו באַגיין אָן דער מעגלעכקייט. איך האָב ליב צו פאָרן מיטן באַן. אַיי, דאָס פאַרנעמט מער צייט ווי מיטן עראָפּלאַן, דערפאַר אָבער איז מיטן באַן פיל זיכערער. ווי זאָגט דער פסוק "שטילער פאָרן, ווייטער דערפאָרן". יעדער מענטש האָט זיין געוווינהייט. דעם אמת געזאָגט, האָבן איך נישט ליב ווען מען הייבט דיך אָן פאַרשן. ווען דו ווילסט פליען דאַרפסטו קודם כל פאָרן צום עראָפּאָרט, וועלכער, ווי געוויינלעך, געפינט זיך גאַנץ ווייט פון שטאָט. ווען דו האָסט שוין דעם בילעט, קאָנטראָלירט מען וואָס דו פירסט. נאָך דעם דאַרפסטו ווייזן דיין פּאַס. ווען אַלץ איז שוין פאַרטיק פירט מען דיר צום עראָפּלאַן. דאָרט איז ווידער די קאָנטראָל. איך פאַרשטיי, אַז דאָס איז אַלץ באַרעכטיקט. מען דאַרף וויסן ווער עס פליט. היינטיקע צייטן איז אין דער וועלט אַ נייע באַוועגונג וואָס רופט זיך "טעראָריזם" אָרגאַניזירט דורך די מוסולמענער, און דאָס ניט נאָר קעגן יידן אַליין, נאָר קעגן דער גאַנצער פּראָגרעסיווער וועלט. אָבער זאָגט מיר, צוליב דעם דאַרף איך ריזיקירן און דורכמאַכן אַזוי פיל קאָנטראָלן?

מיטן עראָפּלאַן פאַרנעמט טאַקע דאָס פליען אַ גאַנץ קורצע צייט אין פאַרגלייך מיטן באַן, אָבער איך, ווי געזאָגט, פאָר אָפּטער מיטן באַן. דאָ פיל איך זיך עטוואָס באַקוועמער, היימישער. קיינער קאָנטראָלירט נישט וואָס דו פירסט מיט זיך, מע קוקט נישט דיין פּאַספּאָרט און אַלץ איז פשוטער. עס קומט אָן דער באַן אויף דיין סטאַנציע, דערלאַנגסטו דעם קאָנטראָלער דיין בילעט, דער באַגלייטער פון וואַגאָן נעמט דיין בילעט און רוקט אים אַריין אין אַ ספּעציעלע טאַשע, ווו עס איז פון פאָרויס פאַרצייכנט די נומערן פון די ערטער אין וואַגאָן. גייסט אַריין אינעווייניק און פאַרנעמסט דיין אָרט לויטן נומער, וועלכער עס איז באַצייכנט אין בילעט. איך סטאַרעווע זיך יעדן מאָל פאָרן אין קופּע־וואַגאָן, און וואָס זאָל איך זשאַלעווען, אויב דאָס פאָרן איז אויפן חשבון פון דער מלוכה. דאָ איז איינגענעמער ווי אין אַ פּלאַצקאַרט־וואַגאָן. איך צווייפל ניט, אַז איר ווייסט, וואָס איז דאָס פאַרא וואַגאָן. דאָס איז אַ וואַגאָן ווו דער צוטריט צו די זיץ־ערטער איז פריי. אויב דו ווילסט זיך צולייגן קענסטו נאָר דאַן ווען דיין בילעט איז פאַר דער אייבערשטער פּאָלקע, ווייל אונטן, אויפן באַנק, זיצן אַלע פון דער אָפּטיילונג. צולייגן זיך קענסטו ערשט דאַן ווען אַלע גייען שלאָפן. נאָך ערגער איז ווען מען פאָרט אין אַזוי גערופענעם אַלגעמיינעם וואַגאָן. דאָרט קענסטו כאַפּן אַ דרעמל אָדער שלאָפן נאָר זיצנדיק. אין אַלגעמיין פאָרן אין אַזעלכע וואַגאָנען אַרעמערע מענטשן, אָדער אויף אַ קורצע שטרעקע, און קאָסטן קאָסט אין אַזאַ וואַגאָן פיל ביליגער.

יאָ, איז ווו האַלט איך? איך זיץ אין וואַגאָן, ווי געוויינלעך אין דער אַזוי גערופֿענער קופּע. מע רופֿט עס קופּע, ווייל יעדע אָפּטיילונג איז אָפּגעטיילט איינע פֿון דער צווייטער מיט אַ טיר, ווי אַ באַזונדערער צימער. פֿאַרוואָסזשע רופֿט מען דאָס קופּע, נישט צימער? דאָס ווייס איך נישט און מיר קימערט דאָס ניט. קופּע, זאָל זיין קופּע, די הויפּט־זאַך איז עס זאָל זיין באַקוועם. אין קופּע זיינען פֿאַראַן פֿיר ערטער צו ליגן. פֿאַר יעדן פּאַסאַזשיר איז צוגעגרייט אַ קאָמפּלעט מיט בעט־געוואַנט צוזאַמען מיט אַ בייקענע קאָלדרע. דער מאַטראַץ צונויפֿגעלייגט און געפֿינט זיך אין אַ ספּעציעלן קעסטל אונטער דעם זיץ־אָרט. די מערסטע פּאַסאַזשירן בעטן אויס זייער געלעגער ערשט דאַן ווען עס הייבט זיך אָן טונקלען. איז וואָס טוט מען דערווייל ווען בלויז פֿיר מענטשן געפֿינען זיך אין איין צימער צוזאַמען? יאָ, איר האָט רעכט. עס הייבט זיך אָן די באַקאַנטשאַפֿט. די מערסטע פּאַסאַזשירן זיינען אין קאָמאַנדיראָווקע, אַ גאַנצן טאָג לויפֿט מען אַרום אין פֿאַרשיידענע אַמטן און עס איז נישטאָ קיין צייט צו זיצן אין רעסטאָראַן, אין אַ סטאָלאָווע אָדער אין דער אַזוי גערופֿענער "זאַבעגאַלאָווקע" איבערצובייסן וואָס ניט איז שטייענדיק אויף איין פֿוס. לויפֿט מען פֿאַרן אָפּפֿאָרן אין אַ שפּייזקראָם און מען קויפֿט עפּעס וואָס איבערצובייסן פֿאָרנדיק אין וועג. פֿאַראיינס קויפֿט מען שוין אויך וואָס פֿון די "דעפֿיציטנע" פּראָדוקטן פֿאַר די היימישע. מע קען דאָך נישט אומקערן זיך אַהיים מיט ליידיקע הענט.

אין קופּע צוזאַמען מיט מיר פֿאָרן נאָך צוויי פּאַסאַזשירן, אַ מאַנצביל און אַ פֿרוי. דער מאַנצביל האָט זיך צוגעזעצט נאָענטער צום פֿענצטער, אַרויסגענומען פֿון זיין פּאַפּקע אַ צייטונג און געלייענט אַזוי, אַז איך האָב אַפֿילו נישט געזען גוט זיין פּנים. אַנטקעגן מיר איז געזעסן די פֿרוי, זי האָט געהאַט אַ גאַנץ שיין פּנים מיט אַ געדיכטן קאָפּ שוואַרצע האָר, מיט אַ קורצער נאָז, צוויי שוואַרצע אויגן. און חן־גריבעלעך אויף אירע באַקן, מיר האָט געוווּנדערט וואָס אירע ליפּן האָבן געהאַט זייער נאַטירלעכע פֿאַרב. די פֿרוי איז געווען אַ גאַנץ יונגע, עפּעס אין די דרייסיקער יאָרן, אַזוי האָב איך אַ טראַכט געטאָן. ווען דער באַן האָט זיך אַ ריס געטאָן און די פּאַסאַזשירן האָבן זיך איינגעאָרדנט, האָב איך אויך גענומען אַ פֿרישע צייטונג און געוואָלט לייענען, אָבער עס האָט זיך נישט געלייענט, ווי דער שטייגער איז, בין איך נייגעריק געווען, ווער זיינען זיי, מיינע שכנים, לאַנג שווייגן האָב איך ניט געקענט. איך קען נישט זיצן ווי אַ שטומער. די שכנים קענען נאָך אַ טראַכט טאָן, אַז איך בין אַ קונע לעמעלע אָדער סתם אַ ליימענער גולם. אָבער ווי פֿאַרקניפּט מען דעם געשפּרעך? ווי אַזוי אָנהייבן? עס ווילט זיך ניט אָנהייבן מיט דער סטאַנדאַרטנע פֿראַגע "וויפֿל איז דער זייגער...?" אָדער למשל, "וויפֿל צייט דויערט דאָס פֿאָרן ביז...?" אויף אַזוינע ברייט פֿאַרשפּרייטע פֿראַגעס, קענסטו באַקומען אַ טרוקענעם ענטפֿער און מיט דעם וועט זיך פֿאַרענדיקן דיין באַקאַנטשאַפֿט. גלויבט מיר אויף מיין וואָרט, איך האָב אַ היפּשע דערפֿאַרונג אין דעם.

דערווייל קוק איך און קוק אויף דער פֿרוי און טראַכט ווי אָנהייבן. מיינע געדאַנקען האָט איבערגעריסן אַ שטילער קלאַפּ אין טיר. דאָס איז דער באַגלייטער פֿון וואַגאָן.

– צי ווילט איר טיי? – האָט ער אַ פֿרעג געטאָן.

– עטוואָס שפּעטער – האָב איך געענטפֿערט פֿאַר אַלעמען – איך מיין, אַז איר אַלע זיינט איינשטימיק. – געוויינטלעך האָבן ביידע געענטפֿערט, ווי זיי וואָלטן געהאַט פֿון פֿאָרויס באַשלאָסן.

– איר זייט געוויס געווען אין מינסק אין קאָמאַנדיראָווקע? – פּרוביר איך אָנהייבן

די באַקאַנטשאַפּט.

– צוליב וואָס פרעגט איר?

– צוליב צוויי סיבות, ערשטנס זע איך אַז איר פּאַרט מיט אַ קליין טשעמאַדאַנטשיק, און צווייטנס, ווי געוויינטלעך פאַרט מען אין אַ קופּע אויפן חשבון פון דער מלוכה.

– איך פאָר דווקא אויפן אייגענעם חשבון. איך לעב אין מינסק און פאָר קיין האָמעל אָפּנעמען מיין קינד ביי דער באָבען.

די פרוי האָט זיך פריינטלעך אָפּגערופן אויף מיין ווענדונג. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איר האָט זיך אויך געוואָלט רעדן מיט עמעצן.

– אַזוינע שיינע וואַרעמע טעג ביי אונדז אין האָמעל. רונד אַרום בליט אַלץ, עס שפרייט זיך אַן איינגענעמער ריח פון די בליענדיקע זשאַסמין. די נאַטור האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר ווינטערדיקן שלאָף און איר פאָרט אָפּנעמען דאָס קינד אין דער טומלדיקער, פאַרגאַזטער מינסק? שווער צו באַגרייפן.

אויף דער פרוי האָב איך באַמערקט אַן אומעט, עפּעס מיט וואָס פאַרזאָרגט, אָבער זי האָט זיך געסטאַרעט אַרויסצוקוועטשן אַ קוים באַמערקטן שמייכל. און אפשר האָט זיך מיר געדאַכט?

– וואָס באַטייט "ביי אונדז"? איר לעבט אין האָמעל?

די פרוי האָט זיך ווי פאַרטראַכט.

– יאָ – האָב איך געענטפערט – אין מינסק בין איך געווען אין קאָמאַנדירונג.

– עס קומט אייך אויס אָפט מאָל פאָרן קיין מינסק?

– יאָ. דאָרט איז אונדזער מיניסטעריום, דאָס בוי־מיניסטעריום אויף דער מיאַסניקאָווער גאַס.

– מיר איז גוט באַקאַנט אייער מיניסטעריום, איך בין דאָרט אַן אָפטער גאַסט.

– וואָס, איר אַרבעט אויך אין אונדזער סיסטעם?

– ניין, איך אַרבעט אין פּראָפּפאַראיין, אין דער זיכערהייט־אָפּטיילונג.

– אפשר צוליב דעם פאָרט איר קיין האָמעל פון דער אַרבעט, און פאַראיינס ווילט איר אָפּנעמען אייער קינד?

– ניין. דאָס מאָל פאָר איך בלויז צוליב מיין קינד.

– וואָס, אייער קינד איז נישט געזונט און נויטיקט זיך אין אייער הילף?

ווי לייענענדיק מיינע געדאַנקען האָט די פרוי צוגעגעבן:

– מיר האָט באַפוילן מיין מאַן שנעל פאָרן קיין האָמעל און אַריבערפירן אונדזער קינד אַ היים.

– אפשר האָט וואָס פאַסירט מיט דער באָבען? – פרעג איך ביי איר.

– דווקא ניט.

איך פיל, אַז די פרוי רעדט און דערעדט ניט. איר בליק איז אומעטיקער געוואָרן. איך פאַרשטיי, אַז פאַר אַזאַ שיין פּנים פּאַסט ניט קיין אומעט. אָבער גיי וויים וואָס זי טראַכט, אפשר האָט זי זיך צעקריגט מיט איר מאַן, אַזעלכע פאַלן פאַסירן אָפט. אפשר האָט וואָס אַנדערש געווירקט אויף איר. וואָלט איך געווען וואָלף מעסינג, דער באַרימטער טעלעפּאַט, וואָלט איך געקענט לייענען ווי ער יענעמס געדאַנקען. כאָטש איך בין געווען גוט באַקאַנט מיט אים, אָבער זיינע פעיקייטן האָט ער מיר נישט אָנגעטרויט. חוץ דעם דאַרף מען געבאָרן ווערן מיט אַזאַ פעיקייט. מען דאַרף זיין געבענטשט פון גאָט.

איך נעם אַרויס פון מיין רענצל אַ פרישע צייטונג, פאַרשפרייט דאָס אויפן טיש, נעם אַרויס עטלעכע בולקעלעך און אַ היפּש שטיקל וווּרשט. פאַרן פאָרן האָב איך אויך

געקויפט אַ פלעשל ביר. שטעל איך עס אַלץ אויפן טישל.

דער ביז איצט שווייגנדיקער שכן לייגט אַוועק זיין צייטונג אין אַ זייט און נעמט אויך אַרויס אַ פעקל פוטער, אַ פערטל לעבל ברויט, שניידט אָפּ פון אַ שטענגל טרוקענע ווורשט אַ היפש שטיק, צעשניידט עס אויף שטיקלעך און לייגט עס אויך אויפן טיש. יאָ, ביי אים איז אויך געווען ביר. שטעלט ער אויך אַ פלעשל. דער שכן איז אַ האָמעלער, ער איז אַ מיטאַרבעטער פון מלוכהשן באַנק.

– לאָמיר מאַכן אַ בשותפותן אָנבייס, ניט איין שעה וועלן מיר פאָרן צוזאַמען און ביז מיר וועלן קומען אַ היים וועלן מיר זיך אויסהונגערן – האָט ער פלוצים זיך געווענדט צו מיר.

די גאַנצע צייט ווען איך האָב גערעדט מיט דער פרוי, איז ער פאַרטיפט געווען אין לייענען און געשוויגן. איצטער האָט ער זיך פונאַנדערגערעדט.

– לאָמיר זיך באַקענען, כאָטש איך קען אייך יאָ. מיר רופט מען ניקאָלאַ. אַרבעטן אַרבעט איך אין האָמעלער געגנטלעכן באַנק, אייער פנים איז מיר באַקאַנט. איר זייט אַ בויער, יאָ? מיט עטלעכע יאָרן צוריק האָט איר צו אונדזער באַנק צוגעבויט אַ פליגל. איך מיין, אַז איך האָב נישט קיין טעות.

– מעגלעך, אָבער אייך קען איך נישט.

– איז לאָמיר זיך איצטער באַקענען. דאַן בין איך געווען אַ געוויינלעכער מיטאַרבעטער, היינט בין איך אַן אָנפירער פון אַן אָפּטיילונג. און ווי רופט מען אייך?

– מיר רופט מען דוד – ענטפער איך אים – און רוף אויך אָן מיין פאַמיליע־נאָמען.

דערהערט מיין ענטפער, האָט ער ווידער אַ פרעג געטאָן.

– און דאָס זייט איר דער, וועלכער דרוקט זיך אָפּט אין דער געגנטלעכער צייטונג?

– מסתם.

– זייער איינגענעם, איך לייען אָפּט מיט גרויס אינטערעס.

איך באַשליס איבערצודרייען די פלאַסטינקע. מע דאַרף דאָך זיין העפלעך, בפרט בנוגע אַ פרוי, און דערצו נאָך ווען מען זיצט צוזאַמען אין איין קופע.

– מיר לאַדן אייך איין איינטייל צו נעמען צוזאַמען מיט אונדז – ווענד איך זיך צו דער פרוי. – צום באַדויערן ווייסן מיר ניט ווי מע רופט אייך?

דער שכן איז אַרויס בעטן באַם באַגלייטער פון וואַגאָן גלעזער פאַר די ביר.

– מיר רופט מען וולאַדאַ – האָט די פרוי געענטפערט מיט קוים אַ באַמערקבאַרן שמייכל.

– אויב איר לאַדט מיך איין צום אָנבייס, קען איך זיך אויך באַרימען – זעצט פאָר וולאַדאַ.

זי עפנט איר קליין טשעמאָדאַנטשיק און נעמט אַרויס פון דאָרטן אַ שטענגל מיט גערייכערטע פלייש, אַ קעסטעלע שפּראָטן, און לייגט דאָס אויך אויפן טישל. איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן עס זאָל מיר נישט אַרויסרינען די סלינע פון מויל. ביי מיר האָט זיך געשאַפן אַן איינדרוק, אַז די פרוי איז נישט קיין איינפאַכע, ווייל אַזוינע שפּייזן זיינען אין די געוויינלעכע קראָמען נישט פאַראַן. אָבער פרעגן ביי איר ווו זי האָט געקויפט די דעליקאַטעסן האָב איך קיין חוצפה נישט געהאַט.

– וולאַדאָ – זאָג איך איר – נישט כדי, עס וועט זיין גענוג פאַר אונדז אַלעמען דאָס צוגעגרייטע. איר פירט דאָך דאָס אַ "גאַסטינעץ" (אַ מתנה) פאַר אייערע קרובים?

– עס שאַדט נישט – ענטפערט זי.

אָבער מיר, ווי דזשענטלמענער, האָבן איר שפּייז נישט גענומען.

ווּלאַדאַ האָט נישט אָפּגעזאָגט זיך פון אונדזער איינלאַדונג און אָנטייל גענומען אין דער סעודה. זי האָט אַפילו צוזאַמען מיט אונדז אויסגעטרונקען אַ גלעזל ביר. ביי ווּלאַדאַן האָט זיך אויפגעוועקט די צונג און האָט גאַנץ אַקטיוו אָנטייל גענומען אין אונדזערע פּלאַפּלערייען. רייידנדיק האָט זי זיך אַרומגעקוקט אַרום צי עמעצער הערט נישט אירע רייד, און ווי צי זיך אַליין האָט זי אַרויסגעזאָגט:

– מיין מאַן אַרבעט אין צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. היינט, דעם 26 אַפּריל, האָט ער באַקומען אַ דעפּעשע, אַז עפּעס שרעקלעכס איז געשען לעבן קיעוו.

– וואָס, דאָרט איז געווען אַ שׂריפה? – האָבן מיר כמעט זאַלבעצווייט אַ פרעג געטאָן.

– ניין – ענטפערט זי – איך ווייס נישט גענוי, ער האָט מיר נישט געזאָגט. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אַ שרעקלעכע געשעעניש. ער האָט מיר בלויז באַפוילן תיכף פאָרן קיין האָמעל און אָפּנעמען ביי דער באָבען דאָס קינד און ברענגען עס אַ היים.

– צו האָט ער אָנגערופן קאָנקרעט דאָס אָרט?

– איך ווייס נישט גענוי, טשערבאָביל, צי טשערנאָביל.

– איז וואָס פאַרא שייכות האָט דאָס צו האָמעל? – האָב איך אַ טראַכט געטאָן. און בכלל האָב איך קיין מאָל נישט געהערט פון אַזאַ נאָמען.

איז וואָס פאַרא שייכות האָט דאָס צום קינד-פרעג איך ווידער ביי ווּלאַדאַן -ווו איז קיעוו און ווו איז האָמעל?

– איך ווייס אויך נישט – ענטפערט פאַרצווייפלט ווּלאַדאַ – איך האָב באַקומען אַ באַפעל און דאָס אַלץ.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט אַ היים האָב איך געפרעגט מיינע היימישע:

– צו האָט ווער געהערט וואָס עס איז פאָרגעקומען אין טשערנאָביל?

אַלע האָבן געדרייט מיט די פּלייצעס. איך בין כמעט געווען איבערצייגט, אַז די גאַנצע מעשה אין באַן איז עפּעס אַ פאַנטאַזיע פון אַ פרוי, אָדער פּשוט אַ חלום.

אויף מאָרגן קום איך אויף דער אַרבעט און פרעג ביי די מיטאַרבעטער די זעלבע פראַגע וועגן טשערנאָביל. קיינער האָט נישט געהערט און האָט נישט קיין אַנונג. אייניקע האָבן אָנגענומען מיין פראַגע ווי אַ שפּאַס. בלויז איינער האָט מיר בסוד געזאָגט, אַז ער האָט געהערט פון דער אויסלענדישער ראַדיאָ, אַז עס איז פאָרגעקומען אַן אויפרייס, נאָר ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס קען האָבן אַ שייכות צו אונדז.

עס דערנענטערט זיך דער יום-טוב – ערשטער מאַי. ווי יעדן יאָר גרייט מען די טראַנספּאַראַנטן, פענער, פּלאַקאַטן, וועלכע מע נוצט ביי דער דעמאָנסטראַציע גייענדיק דורך דעם צענטראַלן פּלאַץ. דאָרט איז שוין אויפגעשטעלט די טריבונע פאַר די אָנפירנדיקע געגנטלעכע און שטאָטישע פּאַרטייאישע און מלוכישע פאָרשטייער, עס שטייט שוין דאָס ביידל פאַר די דיקטאָרן, וועלכע וועלן באַגריסן דורכן מיקראָפאָן די דעמאָנסטראַנטן, עס איז אָפּגעזונדערט אַן אָרט פאַרן אָרקעסטער.

דעם טאָג האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט. פיל שיטערער איז געווען די טריבונע אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע יאָרן. אָבער די דעמאָנסטראַציע איז דורך ווי געוויינלעך, ווי יעדן יאָר.

בלויז אויף מאָרגן האָבן מיר זיך דערוווּסט דעם אמת (אַפילו נישט דעם גאַנצן), וואָס עס האָט פּאַסירט אין טשערנאָביל. געווען איז דאָרט אַן אויפרייס (המשך ז' 61)

עקיבא פישבין / ירושלים

# די דראַמע פון פאַני מענדעלסזאָן

פאַני מענדעלסזאָן איז געפאַלן אויף דער וועלט אין אַ טריביקן נאָוועמבער־טאָג אין האַמבורג, אין יאָר 1805. מען דערציילט, אַז ווען מען האָט דער געווינערין אונטערגעטראָגן איר נאָר וואָס געבוירן מיידעלע, האָט זי קודם־כל אַ בליק געטאָן אויף די פיצינקע פינגערלעך פון איר קינד, און מיט אַ מיד־בלאַסער שטימע אַרויסגעשעפּטשעט: -"איי - די פינגערלעך פון מיין קינד - זיי זענען באַשאַפן, ווי פאַר דער מוזיק פון יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך!" דעם אַ פיקאַנטן פאַקט דערציילט סעבאַסטיאַן הענסעל, דער זון פון פאַני, אינעם בוך זיינעם א"נ "די פאַמיליע מענדעלסזאָן 1729 - 1847" (אַרויס אין בערלין אין יאָר 1879).

מען דאַרף באַמערקן - לאה מענדעלסזאָן, די מוטער פון פאַני, אַליין אַ באַגאַבטע פּיאַניסטן - האָט גלייך דערשנאַפּט, אַז די פינגערלעך פון איר קינד וועלן אויסצוציבערן די מוזיק פון גרויסן באַך! בקרוב, ווען לאה מענדעלסזאָן וועט די קליינע פאַן אַוועקזעצן צום קלאַוויר, דאָ וועט זי, נאָך אירע ערשטע לעקציעס פאַרשטיין, אַז פאַניס פינגערלעך טויגן אויך פאַר די עלעגאַנטע קלאַנגען פון מאָצאַרט, און פאַר די שטורמישע אַקאָרדן פון בעטהאָוון! און דער גליקלעכער מאַמע וועט קלאָר ווערן, אַז איר קליינע פאַני איז אַ וואונדערקינד! און אַז ווען פאַני איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, און געשאַפן איר ערשטע וואָקאַלע קאָמפּאָזיציע - דאָ האָט מען שוין געזען, אַז זי וואַקסט אַ מוזיק־שאַפערין מיט אַן אייגענעם קלאַנג.

אין יאָר 1809 האָט לאה מענדעלסזאָן געבוירן אַ צווייט קינד - דאָס יינגעלע פעליקס; אויך ער איז געבוירן אַ וואונדערקינד!

די צוויי וואונדערקינדער פון אברהם און לאה מענדעלסזאָן האָבן געמאַכט אַ רושם אין דער קריסטלעכער סביבה. דער עולם האָט געעפנט מויל־און־אויערן... האַ?! - יידישע וואונדערקינדער פון מוזיק? פאַר די דייטשן אין בערלין, די מוזיקער און מעלאָמאַנען, איז דאָס געווען אַן איבעראַשנדיקע נייעס. ווען־און־ווו האָט מען אַזעלכעס געהערט? ביי די גוים האָט מען געוווסט, אַז יידן טויגן זיך אויס אין האַנדל. אין געלט־ענינים. יאָ - עפּעס האָט מען געהערט שוין, אַז אין די סאַלאָנען פון די רייכע יידן אין בערלין שפּילן יידישע פרויען קלאַוויר. נו־מילא...

אָבער וואונדערקינדער פון מוזיק - ביי יידן?! אַן איבעראַשנדיקע נייעס!

ס'איז כדאי צו באַמערקן - אין די דייטש־מוזיקאַלישע קרייזן אין בערלין האָט זיך איינגעשטעלט אַ מיינונג (מיט אַ ריח פון יידן־האַס), אַז יידן, בטבע, האָבן נישט קיין "אויער" פאַר מוזיק.

פאַראַן געווען אַפילו אין בערלין, בסוף 18־טן י"ה, אַ פאַל - אַ יידישער בחור האָט זיך געוואָלט אָנשליסן אין דער א"ג, "זינג־אַקאַדעמיע", האָט מען אים אָפּגעוואָרפן מיט אַ תשובה, אַז "לפי די מאַטעמאַטישע געזעצן" טויג נישט אַ ייד פאַר מוזיק - מחמת... ער האָט נישט קיין "אויער"...

ביי אַן ענלעכן פאַל - שוין אין 19־טן י"ה, האָט מאַרטין בובער אויפגעקלערט אַ "געלערנטן" גוי, אַ שונא ישראל, אַז יידן האָבן שוין דווקא יאָ אַן "אויער"; אַ גוט אויער - זייט קדמונים, זייט יענעם מאָמענט אין מדבר סיני, ווען ס'האָט אַ דונער געטאָן דער "שמע ישראל"! - יידן! עפנט די אויערן און הערט די צען געבאָטן פון די לוחות! זייט

יענעם מאָמענט האָט זיך ביי יידן אויסגעשאַרפט אַן אויער אויפצונעמען יעדן קלאַנג; אַן אויער פאַר יעדן מוזיקאַלישן אַקאָרד! און מאַרטין בובער האָט דעם אַנטיסעמיט קלאָר געמאַכט - געזוי, ווי די אַלטערטימלעכע גריכן, האָבן געהאַט אַן "אויג" פאַר דער וויזועלער צורה, אַזוי האָבן יידן - מקדמונים- אַן "אויער" פאַר מוזיק! הכלל, אויב איז פאַר די גויים דער מוזיק־טאַלאַנט פון די רייכע בערלינער יידישע טעכטער געווען אַ חידוש, זענען שוין די צוויי קינדער פאַני און פעליקס מענדעלסזאָן גאָר פלא פלאים.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן - אַ מענטש מיט אַ ביסל קולטור ווייסט ווער ס'איז פעליקס מענדעלסזאָן. פון מעלאָמאַנען איז דאָך אָפגערעדט, ווייל וועלכער מעלאָמאַן איז דאָס נישט באַקאַנט מיט דעם באַרימטן פידל־ קאָנצערט פון פעליקס מענדעלסזאָן?

ווער אָבער האָט אַ מאָל געהערט וועגן זיין שוועסטער פאַני? -אַ וווּנדערקינד גאַרנישט קלענער פון אים?

פאַני מענדעלסזאָן איז געבוירן געוואָרן מיט אַ מוזיק־שפּירונג, וואָס יחידים בלויז זענען מיט אַזאַ זעלטענעם אוצר באַשאָנקען; איז ווי קומט דאָס, וואָס אַזאַ זעלטענער טאַלאַנט איז אַוועק אין פאַרגעסנהייט, גלייך זי וואָלט נישט געלעבט, און מיט מוזיק קיין מאָל נישט עוסק געווען? ווער איז אין דערין שולדיק? קינדוויז האָט פאַניס מוזיקאַלישע אינטערפּרעטאַציע פון מייסטערווערק דערגרייכט אַ מעמד, אַז ווירטואָזן האָבן זי באַוווּנדערט. חוץ מזה האָט אין דער קליינער פאַני געשטעקט אַ פלאַם פון יצירה, האָבן געניטע פאַכלייט געעפנט די אויגן! דער פאָעט געהטע און זיין "מוזיק־עקספּערט" צעלטער (דער פּראָפעסאָר פון פאַני און פעליקס), פלעגן אָפּקוועלן פון פאַניס קאָמפּאָזיציעס - די אייגענע אויערן נישט גלייבן! האָט דאָך פאַני אין קינדערישן עלטער געשאַפן וואָקאַלע ווערק מיט אַ קלאַנג און פאַרב פון אַ באַזונדערן חן. אַזאַ שעפערישער אָטעם ביי אַ קינד איז דאָך פלא־פלאים!

מילא, דער יונגער פעליקס - ער פלעגט אַרויפקוקן צו זיין שוועסטער מיט דרך ארץ, פלעגט זי רופן "קאַנטאָר" (אַ רמז אויף יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך דעם אַמאָליקן קאַנטאָר אין לייפּציק).

איז ווי קומט דאָס, וואָס די אָ פאַני מענדעלסזאָן, געשטאָרבן אין עלטער פון 42 יאָר, געלאָזט אַ ירושה פון פיר הונדערט ווערטיקע שאַפונגען, איז פאַר דער מוזיקאַלישע עפנטלעכקייט פאַרבליבן אומבאַקאַנט? דער נאָמען פון פאַני איז אויסגערונען פון דער מוזיק־געשיכטע; אַ פּאָר אָרעמע שורות אויף אירע דפים זענען דער אָרעמער פאַני נישט געווידמעט...

ביאָגראַפן פון פעליקס מענדעלסזאָן דערציילן, אַז אין זיין שאַפונג געפינט מען פאַניס מוזיק צו געהטעס פאָעמעס. ווער איז שולדיק וואָס די יצירות פון פאַני זענען נישט דערשינען בזכות עצמי?

* * *

זייט אַ געוויסער צייט טוט די דראַמע פון פאַני מענדעלסזאָן באַשעפטיקן פאָרשער. מוזיקאָלאָגן, און סתם שרייבער, זוכן און פאָרשן; מ'וויל פאַרשטיין, קלאָר מאַכן די סיבות פון דער קינסטלערינס דראַמע. להכעיס אַלע נאַציִשע שייטערהויפנס האָבן זיך געראַטעוועט די שאַפונגען פון פאַני מענדעלסזאָן.אויפגעהיט האָבן זיך די מקורות פון דער מענדעלסזאָן־משפחה; זיי זענען בלויז צעוואָרפן איבער ביבליאָטעקן, אַרכיוון און פּריוואַטע קאָלעקציעס - אין דייטשלאַנד און אין אויסלאַנד. אויפגעהיט האָבן זיך אויך שרייפטן און דאָקומענטן פון אנשי־הזמן; און זיי זאָגן עדות וועגן פאַניס טאַלאַנט, וועגן

איר שאַפונג, און וועגן אירע מעשים לטובת דער מוזיק אין בערלין.

מיט אַ צייט צוריק איז אַרויס אַ פּלאַטע מיט אייניקע יצירות פון פֿאַני מענדעלסזאָן (אַ טריאָ און עטלעכע וואָקאַלע לידער). אגב, אין ישראל־ראַדיאָ ("קול המוסיקה") האָט מען מיט אַ צייט צוריק דערלאַנגט אַן אויספירונג פון אַן אָראַטאָריע פון פֿאַני מענדעלסזאָן.

אַ גרויסער טאַלאַנט כידוע, פֿאַלט נישט אַראָפּ סתם אַזוי פון הימל; אויסרייפן טוט ער זיך בהדרגה אויס די אַקומולירטע משפחה פעיקייטן פון זייט דורות. אַ גרויסער טאַלאַנט איז, ווי די קרוין פון אַ צעצווייגטן בוים, וואָס שעפּט זיין וויטאַלן כוח פון די טיף־פֿאַרשטעקטע וואָרצלען אין אַ זאַפטיקער ערד. פון וועלכן משפחה־שטאַם איז דאָס אַרויס דער גרויסער טאַלאַנט פון פֿאַני און פעליקס? פון טאַטנס זייט איז דער יחוס אַ ביז גאָר געהויבענער; זייער זיידע איז געווען ר׳ משה מענדעלסזאָן (1729 - 1786), אַ זון פון דעם אָרעמען מענדל מלמד אין שטעטל דעסאַו, האָט אָבער דער גורל דעם קליינעם משה באַשאָנקען מיט אַ פייערדיק־שאַרפן קאָפּ, מיט אַ בליציקער אינטעליגענץ, מיט אַ כוח פלינק צו באַהערשן דאָס געלערנטע, און דער עיקר, דערלאַנגט אים נישט געלאָשענעם דורשט צו וויסן. ווען דעם 14־יעריקן משה, אַן אָנגעזאַפּטן ווי אַ מילגראָם מיט אַ וועלט יידיש וויסן, האָט אַ נעם געטאָן דאָס ליכט פון נישט־יידישן וויסן צו באַקענען, איז ער אַוועק צו פוס קיין בערלין. זעקס טעג האָט ער, אַ באָרוועסער, געשפּאַנט איבער די 160 קילאָמעטער; און אַז ער איז מיט מזל אָנגעקומען צום טויער, ווו מען האָט אַריינגעלאָזט בהמות בלויז און... יידן, האָט אים דער געזעץ־שומר שטרענג אַ פרעג געטאָן - וואָס אַ שטייגער האָט ער בדעה צו טאָן אין בערלין? - לערנען! האָט דער יונגער משה געענטפערט. און משה בן מענדל מלמד האָט אין בערלין געלערנט, און געוואָרן משה מענדעלסזאָן - "דער בערלינער סאָקראַטעס", ווי דאָס אינטעלעקטועלע איירָאָפּע פון זיין צייט פלעגט אים רופן; משה מענדעלסזאָן איז געוואָרן דאָס קריינדל פון טאָלעראַנט־פּאָרגעשריטענעם דייטשישן בערלין.

און ביי יידן איז ר׳ משה געוואָרן דער הבעל השכלה - ער האָט יידן גערופן גייסטיק זיך באַרייכן, פרישע האָריזאָנטן באַקענען, לעבן מיטן פאָרשריט פון ציוויליזאַציע ווערן נאָענט מיט דער וועלט פון קונסט און מוזיק. משה מענדעלסזאָן, וואָס האָט אויך עוסק געווען אין פּראָבלעמען פון עסטעטיק, האָט זיינע טעכטער געלערנט שפּילן קלאַוויר. היוצא מן הדברים - דעם שאַרפן קאָפּ, די בליציקע אינטעליגענץ, דעם כוח פלינק צו באַהערשן דאָס דערלאַנגטע וויסן - די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָבן פֿאַני און פעליקס געירשנט מסתמא פון זייער גרויסן זיידן ר׳ משה. אין דער משפחה פון די מענדעלסזאָנס איז מען שטאָלץ געווען מיט דער גלאָריע פון ר׳ משה. ובכן, האָט מען דערצויגן פֿאַני און פעליקס אין גייסט פון ראַציאָנאַלע יסודות; זיי געלערנט, אַז דער חוב פון בן־אדם דאַרף זיין אַ לעבן פון מאָראַל, שטרעבן צו בילדונג און וויסן, זיך הייבן און דערהייבן אויפן לייטער פון קולטור. קונסט, האָט מען די קינדער געלערנט - איז די קרוין פון קולטור. נו, איז ביי זיי טאַקע די באַציונג צו מוזיק געווען ממש אַ רעליגיעזע.

פון דער מאַמעס זייט זענען פֿאַני און פעליקס אוראייניקלעך פונעם גרויסן עושר דניאל איציק; ער איז געווען דער בערלינער ראש הקהל, וראש־המדברים, פון יידן אין מלכות פרייסן בסוף 18־טן י"ה. דער שם פון דעם דאָזיקן ייד בשעתו איז געווען גרויס; די גויים פלעגן אים רופן "יודן־פירסט". דניאל איציק, אגב אַ שטרענגער שומר מצוות, האָט אויפגענומען דעם רוף פון זיין מיטצייטלער ר׳ משה, דעם בעל השכלה, און איינגעפירט אין זיין היים בילדונג און ליבע צו מוזיק און קונסט. דניאל איציק האָט

געבּרענגט אויף דער וועלט אַ שבט פֿון זעכצן קינדער, און אַלע זיינע עלעף טעכטער זענען געווען גוטע פּיאַניסטינס. אינעם שבט איציק האָט געהערשט אַ קולט פֿאַר דער מוזיק פֿון גרויסן באַך. איז דער כוח הנגינה פֿון פֿאַני און פֿעליקס אַ ירושה וואַרשיינלעך, פֿון דער מאַמעס זייט. איז די קשיא, ווי קומט דאָס עפּעס, אַז אַ יידישע היים אין בערלין פֿון 18־טן י"ה, זאָל לעבן מיט אַקאָרדן פֿון דער באַך־מוזיק, ווען אַפֿילו אין די רייכע דייטש־בורזשואַזע היימען איז דאָס דאָזיקע נישט במנהג? און ווי אַזוי מאַכט זיך, וואָס גראָד אין בערלין לעבט אין יענער צייט אַ רייכער יידישער עולם, בעת דער ווייט גרעסטער טייל יידן אין די דייטש־רעדנדיגע לענדער, זענען אָרעמעלייט־אביונים? דאָס איז שוין אַ טעמע פֿאַר אַ באַזונדערער באַהאַנדלונג.

אין דער משפּחה פֿון לאה און אברהם מענדעלסזאָן איז טאַקע אַלץ שיין און גוט; און דאָך זענען טיטע־מאַמע לייטיש באַזאָרגט ווי אַזוי מאַכט מען, אַז זייערע צוויי וווּנדערקינדער זאָלן וויסן פֿון אַ גליקלעך לעבן? האָט דאָך דער רוף פֿון בעל השכלה - נעמען זיך בילדן און ווערן אייראָפּעיש - דעם ייד גאָרנישט געהאָלפֿן. אַפֿילו דער רייכער ייד, וועלכער טוט בויען דאָס לאַנד, ווייסט נישט פֿון אַ ביסל רעכט מיט אַלע בירגער צוגלייך. פֿאַרקערט - יידן איז אין פּרייסן נאָך דער נאַפּאָלעאָן־אינוואַזיע נאָך ערגער געוואָרן.

איז וואָס'זשע טוט מען? ווי אַזוי פֿאַרזאָרגט מען די קינדער?

וואָס אַן אמת, איז אברהם מענדעלסזאָן אַלץ נאָך ביי דער אַלטער דעה פֿון סוף 18־טן י"ה. ביי דער דעה פֿון זיין טאַטן, אַז זאָל נאָר דער ייד זיך אויסמענטשלען, אַריינעמען אַ געשליפֿן דייטשיש לשון אין מויל, ווערן אַ מענטש מיט אַ געהעריקער התנהגות, מיט אייראָפּעישע מאַנירען - דאַן וועט דער דייטש אים מער נישט אַריינקוקן אין זיין יידישער נשמה, און איינלאַדן אים בכבוד גדול צום נאַציאָנאַלן טיש; דעמאָלט וועט ער און זיינע קינדער זיך לייטיש אַן עצה געבן אין לעבן.

מאָדנע ביז גאָר - עפּעס זעט ער נישט, אברהם מענדעלסזאָן, די שנאהדיקע פֿלאַמען וואָס דערנעענטערן זיך צו דער משפּחה. והיה - און ס'איז געשען - אין יאָר 1816 איז אַרויס אין בערלין אַ דעקרעט, וואָס האָט געמאָלדן: אַזוי לאַנג ווי יידן וועלן זיך האַלטן ביי זייער אמונה וועלן זיי נישט ווערן אָנגענומען אויף אַ מלוכישן אַמט.

אברהם איז דערשיטערט. נאָך דעם ביטערן מלוכה־דעקרעט האָבן שוין אברהם און לאה מענדעלסזאָן אויף גאָרנישט געקוקט; זיי האָבן גענומען זייערע פֿיר קינדער, וואָס זיי האָבן שוין דעמאָלט געהאַט, און אַוועק בשתיקה צו אַ פֿריינד, אַ פּראָטעסטאַנטישן גלח ווייט פֿון בערלין, און שאַ־שטיל, אָן צערעמאָניעס, די פֿיר קינדער זייערע געמאַכט פֿאַר קריסטן. און זאָלן זיי אָטעמען ווי פֿרייע מענטשן! זעט איר, אַליין זיך שמדן - דאָס האָבן אברהם און לאה נישט געוואַגט צו טאָן. לאה האָט זיך אָפּגעהאַלטן צוליב איר מאַמעס שנאה צו שמדניקעס, וואָס מאַכן זיך אַ לייכט לעבן... טאָמער וואָלט זי אַ סוף געמאַכט מיט דער יידישער עדה - איז אַן עק! - דער מאַמעס שוועל וואָלט לאה מער שוין נישט געקאָנט איבערטרעטן. און אברהם - אים האָט צוריקגעהאַלטן דער זכרון פֿון זיין טאַטן ר' משה, ווי אויך דער אומחן צו משומדים פֿון זיין עלטערן ברודער יוסף, דעם שותּף זיינעם אין מענדעלסזאָן־באַנק. אַפֿילו אין טרויעריקן יאָר 1819, ווען צעיושעטע באַנדעס, כלומערשט פּאַטריאָטן , האָבן געמאַכט אויף יידן פּאָגראָמען אין פּרייסן, געראַבעוועט און געממתט, אויך דאַן האָבן לאה און אברהם נישט געטראַכט וועגן שמד. אלא וואָס? זיי האָבן זיך אַוועקגעצויגן פֿון בערלינער שטאָטישן רויש מיט די בייזע פּעבל־בליקן. און נאָך עפּעס האָט ער געטאָן אברהם - אין יאָר 1821 האָט ער זיך

אַרויסגעצויגן פונעם באַנק־שותפות מיטן ברודער יוסף, און – אַן עק מיט דער יידישער געלט־פרנסה...

און אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין פרייסן איז געוואָקסן, און זיך פאַרשאַרפט מער און מער – האָבן אברהם און לאה אַוועקגענומען די האַנט פון האַרץ און געמאַכט אַ סוף צו זייער יידישער אמונה... זיי זענען אַוועק קיין פראַנקפורט־אם־מיין און דאָרט, ווייט פון אומדיסקרעטע בליקן, געוואָרן קריסטן לפי דעם לוטער־נוסח. און – אולי ירחם! אפשר איצט וועט מען זיי צולאָזן צום נאַציאָנאַל־דייטשישן טיש; אפשר וועט מען זיי באַהאַנדלען גלייך מיט אַלע מענטשן?

ליידער – אברהם האָט געהאַט אַ ביטערן טעות, ער האָט פאַרגעסן, אַז אַנטיסעמיטן האָבן שפּיציקע אויגן... און ס'איז געשען, אַז אין אַ זומערדיקן טאָג, ביים באַלטישן ים, איז מען פאַני און פעליקס, די "יודן־יונגען", באַפאַלן – ס'איז דערגאַנגען צו אַ געשלעג. מיט אַ ביטער געפיל האָבן פאַני און פעליקס פאַרלאָזט דעם שיינעם ברעג פון באַלטישן ים... דערשלאָגענע זענען זיי אַ היים געקומען צוריק קיין בערלין.

דעם אָרעמען אברהם מענדעלסזאָן איז, נעבעך, ביטער געוואָרן אויפן האַרץ... איז וואָס טוט מען דאָך? די מענדעלסזאָנס זענען אַוועק וווינען אויסער דער שטאָט. אין די ראַנדן פון בערלין האָט אברהם געקויפט אַ הויז מיט אַ גאָרטן; און ווייט פון שאַרפע בליקן פון בערלינער פעבל האָט ער איינגעשטעלט אַ לעבן, פאַר זיך און פאַר דער משפחה, אין אַן אָפּגעזונדערטן קרייז. דהיינו? ער האָט אויסגעבויט דאָרט אַ קאָנצערט־זאַל פאַר אַ הונדערט מענטשן, און אין דעם מוזיקאַלישן גן־עדן פלעגן איינגעלאַדענע געסט, יידן און קריסטן, מענטשן אַלץ פון העכסטן אינטעלעקטועלן ניוואָ, פאַרברענגען אין גייסט פון טאָלערטער פאַרשטענדיקונג. און דאָרט פלעגט פינקלען און בליצן דער טאַלאַנט פון פאַני און פעליקס. דאָרט פלעגט מען הערן גרויסע מוזיקער פון לאַנד און פון די מרחקים. נישט פאַראַן געווען אַ דורכפאָרנדיקער מוזיקאַלישער שטערן, אַז מען זאָל אים נישט הערן אין "גן־עדן" פון אברהם מענדעלסזאָן. אַפילו דער גרויסער פּאַגאַניני האָט דאָרט געלאָזט הערן אַקאָרדן פון זיין פאַרכישופטער פידל. אָט, שרייבט אין זיין בוך סעבאַסטיאַן הענסעל, דער זון פון פאַני: "די דאָזיקע צייט איז געווען דער גליקלעכסטער פעריאָד אין לעבן פון מיין זיידן – אברהם מענדעלסזאָן".

* * *

אברהם מענדעלסזאָן, דער אומרויקער ייד מיט דער געשפּאָלענער נשמה, האָט זיך באַרעכנט – אמת, מיטן שמד האָט ער טאָקע קיין גליקן נישט דערגרייכט; און דאָך מוז ער זיך רעכענען מיטן דייטש־בירגערלעכן דעת הקהל; ובכן מוז ער האַנדלען אין סטיל פון רייכן דייטשישן שטאַנד צו וועלכן ער קערט זיך אָן, היטן און אָפּהיטן מוז ער, למען השם, די מאָראַליש־בירגערלעכע התנהגות פון אַ רייכער דייטשישער פאַמיליע. אויב אַזוי שטעלט זיך ביי אים די פראַגע – די צוקונפט פון פאַני און פעליקס – זאָל מוזיק טאַקע זיין דאָס ברויט פון זייער לעבנס־עקזיסטענץ? עפּעס הערט מען נישט, אַז אַ קינד פון אַ דייטשישער רייך־בירגערלעכער משפחה זאָל ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער מוזיקער.

מילא, וועגן דער צוקונפט פון פעליקסן האָט ער נאָך צייט צו טראַכטן, אָבער פאַני, אַ קינד פון אַ רייך־בירגערלעכער היים, אַ כלה־מיידל פון צוועלעף יאָר? הגם זי שפּאַנט מיט פעסטע טריט צו הויכע מוזיקאַלישע שטאַפּלען, מוז דער טאַטע זי אָפּשטעלן אין איר אימפּעט; דאָס אָרט פון דער פרוי, לויט דער מאָראַל פון בירגערלעכן שטאַנד, איז זאָרגן פאַר היים און משפחה. אדרבא, זאָל פאַני נעמען אַ ביישפּיל פון איר מאַמען,

אַ פרוי מיט אַ מאָדערנער בילדונג - שפּילט וווּנדערלעך קלאַוויר, זינגט מיט אַ סך אויסדרוק: אָבער - נאָר פאַר פריינד. מוזיק איז פאַר איר מאַמען נישט קיין פּראָפעסיע. אברהם, דער שומר פון בירגערלעכער מאָראַל, האָט דער טאָכטער פאַני אויפגעקלערט, אַז מוזיקאַלישע קרעאַציע איז נישט פאַר אַ בירגערלעכער פרוי; דאָס דאָזיקע קאָן עווענטועל זיין פאַר פעליקסן אַן ענין. זי דאַרף זיך גרייטן צו אַ לעבן פאַר היים און משפחה. און היות ווי גאָט האָט זי באַשאָנקען מיט טאַלאַנט, וועט איר טאַלאַנט נוצן צו פאַרוויילן אירע געסט אין סאַלאָן. און אַ מאָל, פאַר ווילטעטיקע צוועקן, וועט זי קאָנען אַנטייל נעמען אין אַ קאָנצערט, ווי ס'פירן זיך די דאַמען פון בעסערע קרייזן.

הכלל, דאָ הייבט זיך אָן די דראַמע פון פאַני מענדעלסזאָן. איר טאַטע איז טאַקע אַן אויפגעקלערטער מאַן, און פאַר קונסט און  מוזיק איז ער גרייט אויף קרבנות. היות אָבער באַשאָנקען מיט אַ געשפּאָלטענער נשמה. הערט ער נישט אויף צו קוקן אין אַלע זייטן - מה יאמרו הגויים... קיין איינציקן שפּאַן אין לעבן טוט דאָך נישט אברהם אַוועקשטעלן, ער זאָל זיך נישט אומקוקן אויפן דעת הקהל פון דייטש־בירגערלעכן שטאַנד. ובכן, אויפן מזבח פון בירגערלעכער מאָראַל ברענגט אברהם מענדעלסזאָן אַ ווייטיקלעכן, ערנסטן קרבן - ער איז מקריב דעם מוזיקאַלישן טאַלאַנט פון זיין טאָכטער פאַני! פאַני וועט נישט זיין, דאָס וואָס איר גורל האָט געוואָלט זי זאָל זיין - אַ מענטש פון שעפערישער מוזיק. נו־מילא, זאָל זי זיין אַ באַלעבאָסטע, אַבי איר טאַטע זאָל זיין כשר־וישר מיטן דייטש־בירגערלעכן אופן פון לעבן.

די צוועלעף־יעריקע פאַני האָט דעם דאָזיקן גזר־דין אָנגענומען אָן שום רעוואָלט; זי האָט געבויגן דעם קאָפּ פאַר איר טאַטנס באַשלוס און נישט מקנה געווען איר יינגערן ברודער פעליקס. אים, דעם מאַן - אים קומט די קינסטלערישע קאַריערע.

אַוועק זענען די צייטן פון סוף 18־טן י״ה ווען אין יידישע סאַלאָנען פון בערלין האָבן פרויען געלאָזט הערן אַ געוויסן דראַנג  צו עמאַנציפּאַציע.

און דאָך האָט פאַני אַ שידוך געטאָן לויט איר אייגענעם אויסוואַל. וואָס אַן אמת האָט דער שידוך מיטן פּלאַסטיקער ווילהעלם הענסעל, אַ זון פון אַ פּראָטעסטאַנטישן גלח, דער מאַמען נישט אַזוי שטאַרק געפעלן. דערפאַר איז אָבער אברהם געווען צופרידן. ווייל - אַ קישא אויף אַ מעשה; פאַני האָט נאָך אַ מאָל געקאָנט פאַלן אויף אַ ייד. אָדער אויף אַ געשמדטן. נאָך דאָס האָט דעם אָרעמען אברהם צוגעפּעלט... ווייניק דאגות האָט ער, אברהם מענדעלסזאָן, געהאַט?

אויך מיטן גאונישן זון פעליקס האָט אברהם געהאַט אַ פּראָבלעם. ווייל, ווו האָט איר געזען, אין יענע יאָרן, אַ בחור פון אַ רייך־בירגערלעכער היים זאָל ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער מוזיקאַנט? נישטאָ אַזעלכעס! אברהם זאָל מיט אַ רויק האַרץ לאָזן פעליקסן זיין אַ פּראָפעסיאָנעלער מוזיקער, דערויף האָט ער געמוזט האָבן די מיינונג פון אַ גרויס־גרויסן אויטאָריטעט.

ובכן, איז מען אַוועק צום גרויסן פּאָעט געהטע, און ער האָט געפּסקנט - אַזאַ ווונדערקינד, ווי פעלקיס, האָט ער געזאָגט - איז מחויב צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער מוזיקער! ביי דעם דאָזיקן וויזיט, האָט געהטע אויך אויסגעהערט אַ וואָקאַלע שאַפונג פון פאַני. און געוואָרן איבעראַשט. זיין התפעלות פאַר איר טאַלאַנט האָט ער פאַרקריצט אין אַ ליד. אויף איר גורל האָט דאָס דאָזיקע קיין ווירקונג אָבער נישט געהאַט... איר גורל האָט באַשטימט אברהם, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געשטרעבט מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ כשר־קריסטלעכן דייטש פון דעם רייך־בירגערלעכן שטאַנד.

נו, - איז דאָך אָבער די וועלט אַזוי שלעכט איינגעשטעלט. דער מענטש טראַכט,

און גאָט לאַכט... איי, האָט דאָס דער ליבער גאָט געלאַכט פון דעם אָרעמען אברהם! געלאַכט פון אים אין די פויסטן! זיין שמד מיטן ווייב און קינדער, אַן אומזיסטע טירחה געווען. די דייטשן, די פּאַסקודניאַקעס, האָבן די גאַנצע מענדעלסזאָן־משפחה, שוין נאָכן שמד, געהאַלטן פאַר יידן! אַזאַ צרה?!

פעליקס, ביי זיינע 24 יאָר, אַ קאָמפּאָזיטאָר מיט אַ שם אין אייראָפּע, איז דורכגעפאַלן ביים אויסוואַל פון דירעקטאָר אין דער א"ג "זינגאַקאַדעמיע" (אַ מוזיקאַלישע אינסטיטוציע) אין בערלין. פאַרוואָס? מחמת אַ זון פון אַ ייד קאָן מען נישט אַוועקשטעלן אין שפּיץ פון אַ קריסטלעכער אינסטיטוציע...

אָך־און־ווי איז געווען צו אברהם, דעם "כשרן" דייטש! אַזאַ פּאַטש אין פּנים! אָבער נישקשה. אַז דער ליבער גאָט "דערלאַנגט" איז מיט אַ פולער האַנט. בקרוב האָט אברהם, דער "דייטש" באַקומען אויף ס'ניי אַ "דערמאָנונג", אַז ער איז נאָך תמיד אַ ייד; און דאָס דווקא פון אַ "פריינד". דהיינו? נאָכן טויט פון געהטע, אין 1833, האָט זיך באַוויזן אין דער עפנטלעכקייט דער בריוו־אויסטויש פון פּאָעט מיטן מוזיקער צעלטער - אַ נאָענטער פריינד פון דער משפחה מענדעלסזאָן (דער פּראָפעסאָר פון פאַני און פעליקס). אין אָט דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ זענען פאַראַן בריוו פון צעלטערן, און זיי זענען נישט סימפּאַטיש פאַרן כבוד פון אברהם מענדעלסזאָן. ראשית־כל: - אין זיינע בריוו דערלאַנגט צעלטער גאַליקע אָנצוהערענישן וועגן דעם יידישן אָפּשטאַם פון אברהם און זיין משפחה; און דאָס פאַרבראָקט מיט אַנטיסעמיטישע רמזים אויפן חשבון פון פאַרמעגן וואָס אברהם האָט געמאַכט "אויף די פּלייצעס פון פאָלקישן אָרעמקייט" (דעם דייטשישן). ביים "פריינד" צעלטער, וואָס פלעגט נישקשהדיק שעפּן פון אברהמס בייטל, איז אברהם "אַ קריסט פון דער צווייטער מדרגה", און פעליקס -ער איז נישט מער, ווי אַ זון פון אַ ייד. און די פרויען, די מענדעלסזאָנס - זיי זענען אַלע - באַבעס פון אַלטן טעסטאַמענט".

די שענדלעכע בריוו פון צעלטערן - אַ שוידערלעכער קלאַפּ פאַר דער גאַנצער מענדעלסזאָן פאַמיליע - האָבן דעם צעריסענעם און צעפליקן אברהם פאַרקירצט די יאָרן. ער איז בקרוב אַוועק פון דער וועלט.

* * *

הקיצור - בהסכם מיט דער בירגערלעכער מאָראַל פון יענע יאָרן האָט פאַני, אַ געהאָרזאַמע טאָכטער, פאַרן טאַטנס באַשלוס געבויגן איר קאָפּ, מער האָט זי וועגן אַ מוזיקאַלישער קאַריערע נישט געחלומט. זי האָט גענומען לערנען די "תורה" פון אַ בורזשואַזער היים־באַלעבאָסטע; חתונה געהאַט מיט מזל מיט הענסעל, דעם מאָלער, געפּירט מיט אים אַ גליקלעך לעבן - אים געבוירן אַ זון; און דאָך איז מוזיק געווען און פאַרבליבן דער אינהאַלט פון איר עקזיסטענץ. אוודאי - מען דאַרף ווויל זאָגן - געשען איז דאָס אַ דאַנק איר מאַן דעם שעפערישן מענטש - וואָס האָט נישט באַגריפן, און נישט מסכים געווען, מיטן תקיפישן גזר־דין פון אברהם מענדעלסזאָן. הענסעל, דער מבין אויף זיין פרוי, האָט געזען, אַז די שירה וואָרצלט אין איר גאַנצן וועזן, אַז פאַני איז באַהערשט פון אַ שעפערישער אומרויקייט, האָט ער זיין פרוי גענומען מוטיקן - זי געשטויסן צו שעפערישקייט.

שוין צומאָרגנס נאָך דער חתונה, ווי נאָר פאַני האָט זיך געזעצט צום קלאַוויר, האָט הענסעל איר דערלאַנגט אַ בויגן נאָטן־פּאַפּיר, און זאָל זי שאַפן מוזיק! און פאַני האָט געשאַפן; זי האָט געשאַפן ס'רוב ווערק פון קאַמעראַלן כאַראַקטער - ווערק וואָקאַלע, שאַפונגען קלענערע פאַר קלאַוויר, אייניקע אינסטרומענטאַלע טריאָס און אויך, ווי

דערמאָנט, אַן אָראַטאָריע פאַר אַ גרויסן אָרקעסטער.

ווען די ווערק פון פאַני מענדעלסזאָן רעדן מוזיקאַלאָגן מיט שבחים; זיי אַקצענטירן דעם פיבערדיקן טעמפּעראַמענט פון איר אימאַגינאַציע, און דאָס לעבעדיק־אָריגינעלע וואָרט פון רוח־החיים. און דאָך פילט מען אין די ס׳רוב קורצע שאַפונגען אירע אַ מין אומצוטרוי צו איר קרעאַטיוועד יכולת... און הגם איר לעצטער טריאָ, דריי חדשים, פאַרן טויט, איז אַן עדות פון פאַניס אומבאַגרענעצטע יצירה־פּאָטענצן, ליגט אויף דער מוזיקאַלישער שאַפונג פון פאַני אַ חותם פון אירע לעבנס־באַדינגונגען; פאַני שאַפט אין שאָטן פון דער סאָציאַלער פילאָזאָפיע פון אירע בירגערלעכע קרייזן, וואָס באַגרענעצט די פרוי אין אירע טואונגען.

פאַני איז טאַקע אַ זעלטענער טאַלאַנט; זי בלייבט אָבער די פרוי פון איר בירגערלעכן שטאַנד! אַ געמיש פון געפילן רייסט שטיקער פון פאַניס לעבן. לאַנגע יאָרן האָט זי נישט געוואַגט צו פובליצירן אירע ווערק, הגם איר מאַן, דער מבין, האָט פון איר דאָס געפאָדערט. אָפּגעהאַלטן האָט זיך פאַני פון דעם שריט, מחמת דער בירגערלעכער הנחה, אַז אויף שאַפונגען פון אַ פרוי לייגט מען נישט בטבע אַ גינציק אויג. אַ פרוי איז באַשאַפן צו אַנדערע פליכטן. אין דער אמתן איז דער הויפּט־אָפּהאַלט פון פובליצירן אירע ווערק געווען די שרעק פון פאַני – ס׳טייטש, וואָס וועט זאָגן איר טאַטע אברהם, דער שומר פון בירגערלעכן דעת־הקהל? און וואָס וועלן זאָגן אירע צוויי ברידער, ווי זי דערצויגן, לפי רייך־בורזשואַזע באַגריפן? און אין אירע קרייזן וואָס וועט מען זאָגן?! – געוואַלד!!! פאַני האָט ובכן געבויגן דעם קאָפּ און געזאָרגט פאַר איר גוטן שם פון אַ פרוי... די מוזיקאַלישע שאַפונג אירע האָט פאַני באַטראַכט, ווי אירס אַ גאַנץ אינטימע זאַך. איצט, צום סוף פון איר לעבן – דער טאַטע איז שוין אויף דער וועלט נישט געווען – דערמוטיקט פון פאַרלעגער, האָט פאַני אַוועקגענומען די האַנט פון האַרץ, און געוואַגט צו פובליצירן ווערק בזכות עצמי.

הכלל, דעם פיינלעכן, דעם אומגעצוימטן הונגער אירן צו מוזיק האָט פאַני דרייסט, מיט אַן אָפן פנים געלאָזט הערן אויף אירע פּריוואַטע פרימאָרגנס בשם "זאָנטאַג־מוזיק"; זי האָט זיי איינגעשטעלט אינעם הויז פון אירע עלטערן, דאָרט, אינעם "קאָנצערט־זאַל", וואָס דער טאַטע האָט אויסגעבויט, און הענסעל דער איידעם, האָט וווּנדערלעך אויסדעקאָרירט, דאָרט פלעגט פאַני, די נשמה פון דער אָ איניציאַטיוו, אין ענגן און דאָך ברייטן קרייז פון פריינד מיט געלאַדענע געסט פון דער בערלינער אינטעליגענץ (שרייבער און קינסטלער, מוזיקער און וויסנשאַפטסלייט), גלאַנצן מיט איר גאַנצן מוזיקאַלישן צויבער! דאָרט האָט פאַני דערגרייכט אַ פייערדיקן דערפאָלג! דאָרט האָט זי געשיינט, ווי אַ קלאַוויר־ווירטואָזין, און ווי אַ דיריגענטין פון כאָר און אָרקעסטער. די קוואַליטעט פון די מוזיק־פרימאָרגנס איז געווען אַ גאָר געהויבענע. די אויספירער פלעגן זיין גוט בעקאַנטע קינסטלער פון בערלין, ווי אויך באַרימטע דורכרייזנדיקע מוזיקער פון דער פרעמד. אויף די פאַני־פרימאָרגנס פלעגט מען הערן ווערק פון מאָצאַרט און בעטהאָוון, פון וועבער און פעליקס מענדעלסזאָן, און טייל מאָל אויך אַן אייגענע שאַפונג אויסגעפירט פון פאַני אַליין.

נו, האָט טאַקע געטראָפן נישט איין מאָל, אַז אַן אָנוועזנדיקער גאַסט פון אויסלאַנד זאָל מיט שבחים דערציילן אין אַ מוזיקאַלישער פובליקאַציע וועגן די אויסגעהערטע ווערק פון פאַני.

פאַראַן שפּאָרע גבית עדות וועגן דער וווּנדערלעכער "זאָנטאַג־מוזיק", קודם כל פון פּאָל העסע (1830–1914), דעם ערשטן דייטשישן נאָבל פּרייז־טרעגער פאַר ליטעראַטור

(זיין פֿאָטער איז געווען דער לערער פֿון די מענדעלסזאָן־קינדער). אין זיינע "זכרונות" געפֿינט מען בילדער פֿון די מוזיקאַלישע פּרימאָרגנס, וועלכע ער פֿלעגט מיט זיינע עלטערן באַזוכן אַלס קינד. צ"א לייענט מען דאָרט "פֿראַנץ ליסט האָט בעת זיין ערשטן באַזוך אין בערלין זיך באַטייליקט אין אַ מוזיקאַלישן פּרימאָרגן ביי פֿאַני. די שפּיל זיינע איז געווען אַ טריומף!" וועגן זעלבן פּרימאָרגן שרייבט דער דיפּלאָמאַט וואַרנהאַגן פֿאָן הענזע (1785–1858): "שווער איז געווען צו זאָגן ווער האָט מיט זיין שפּיל באַוויזן מער מופֿתים - ליסט אָדער פֿאַני".

אין דעם זעלבן בוך "זכרונות" שרייבט וואַרנהאַגן, אַז "די פּני פֿון קונסט און וויסנשאַפֿט, מענטשן פֿון אַ סאָציאַל־הויכער מדרגה פֿלעגן זוכן אַ צוטריט צו דער "זאָנטאָג־מוזיק" פֿון פֿאַני, ווו ס'פֿלעגן אַרויסטרעטן גרויסע קינסטלער - פּראָפֿעסיאָנאַלן און אַמאַטאָרן".

הכלל, ווי געזאָגט איז פֿאַני דאָך דערשינען פֿאַר מוזיק־געניסער פֿון דער וועלט. דערמוטיקט פֿון לאה - איר מאַמע, פֿון איר מאַן הענסעל, פֿון פֿעליקס פּרוי, ווי אויך פֿון צוויי מוזיק־פֿאַרלעגער, האָט פֿאַני אין עלטער פֿון פֿערציק יאָר באַשלאָסן, אַז - הערן זאָל די וועלט איר וואָרט פֿון יצירה.

ס'איז אָבער אַ סברה, אַז געטאָן האָט זי דאָס מיט אַ ציטער אין האַרץ, ווייל באַלד האָט זי אין אַ בריוו צו אירע צוויי ברידער אויסגעדריקט די האָפֿנונג, אַז זיי וועלן זי נישט באַטראַכטן פֿאַר עפּעס אַ מין "פֿריי געוואָרענע פֿרוי" - פֿאַר אַ פֿרוי, וואָס איז אַ חרפּה און אַ בושה פֿאַר דער משפּחה...

* * *

אין עלטער פֿון צוויי און פֿערציק יאָר האָט גענומען אַ סוף צו דער דראַמע פֿון אַ וווּנדערלעכער מוזיק־שעפֿערין - אַ קרבן פֿון איר טאַטן, אברהם מענדעלסזאָן, דעם ייד מיט אַ געשפּאָלטענער נשמה.

פֿאַני מענדעלסזאָן האָט איבערגעלאָזט אַ ירושה פֿון פֿיר הונדערט ווערק. נאָך איר טויט האָט פֿעליקס, איר ברודער, פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי שאַפֿונגען אונטער דער שוועסטערס אייגענעם נאָמען.

די גרויסע מוזיקאַלישע ירושה פֿון פֿאַני נעמט צו ביסלעך אַרויסגיין פֿון שאָטן. מוזיק־פֿאָרשער, דער עיקר פֿרויען, דייטשישע און פֿון אַמעריקע, טוען דער וועלט דערלאַנגען מער און מער ווערק פֿון פֿאַני.

סוף־כל־סוף ווערט פֿאַני מענדעלסזאָן, אויף צו להכעיס איר טאַטן און אירע ברידער, אַרויס פֿון איר אַנאָנים־קינסטלערישן לעבן.

**מכוח אַלע געשעפֿטלעכע און פֿינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר זיך ווענדן צו אונדזער פֿאַרוואַלטער:

JACOB LEWIN

6365 Orange St • LA, CA 90048

Telephone: 232 939-7379

לידיאַ פּראָלאָוו

# דער ייד פונעם הקדש

מיין שטעטעלע, ווו איך בין געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן, האָט פאַרמאָגט אַ סך צדקה־געבער. טון יענעם אַ מצווה איז ביי יעדן איינעם געווען דער הייליקסטער חוב. אַ חוץ דעם, וואָס די פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים האָבן געזאָרגט פאַר די היימישע אָרעמעלייט, האָט מען נאָך אין זין געהאַט אַ פרעמדן אָרעמאַן. אינעם הינטער־געטל איז געשטאַנען פאַרגרייט אַ שטיבל, טאָמער וועט זיך אַראָפּיאָווען אַן אָרעמאַן, זאָל ער האָבן ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. ווען אַן אָרעמאַן איז געקומען אין שטעטל בעטן אַ נדבה האָט מען זי אים אונטערגעטראָגן מיט אַ ברייטער האַנט. אייניקע גוטע באַלעבאָסטעס האָבן אַפילו אין די פרייטיקן באַזאָרגט דעם אָרעמאַן אויף שבת. געבראַכט אין הקדש אַריין אַ פּאָר שטיקלעך געפילטע פיש, אַ שטיקל אָפּגעקאָכט עוף, אַ שיסעלע צימעס פון פאַסאָליעס און אַ פּאָר זיסע פלעצעלעך צו אַ גלאָז טיי.

אַ גאָר אָפטער גאַסט איז געווען אין הקדש אַן אַלטער בלינדער ייד. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זיין טאָרבע פון שטעטל צו שטעטל, אָבער ביי אונדז האָט ער ליב געהאַט זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר וואָכן, און נישט ווייניקער ווי צוויי מאָל אין יאָר. ער פלעג זיך אַראָפּיאָווען מיט אַ יינגעלע פון אַ יאָר 12. דער אַלטער איז געווען קראַנק. געהאַט אַ פּאָר געשוואָלענע פיס. ער אַליין פלעג בלייבן אין הקדש און דאָס יינגעלע געטריבן איבערן שטעטל, פון שטוב צו שטוב, אויסבעטן די נדבות. באַזונדערס האָט דער אַלטער ליב געהאַט זיך אָפּשטעלן אין שטעטעלע ווינטער. אין הקדש איז שטענדיק געווען אויסגעהייצט די הרובע, ס'איז געווען וואַרעם און אַ ווייך געלעגער. "אין אייער שטעטל פיל איך זיך בעסער ווי אין אַלע אַנדערע" - פלעג זאָגן דער אַלטער. דאָס 12 יאָריק יינגעלע האָט אויסגעזען ווי אַ קינד פון אַ יאָר 8. אַ נידעריקס, הויט און ביין, מיט אַ רויטלעך קעפּל האָר. דאָס קויטיקע פּנימל און באַזונדערס דאָס נעזל זיינען געווען געדיכט באַדעקט מיט קלייען. די צוויי גרויסע גראָע אייגעלעך האָבן אַראָפּגעקוקט אויסגעמאַטערט און רחמנותדיק. ער פלעג רופן דעם אַלטן "זיידע", און דער אַלטער אים - ממזר. קיינער האָט נישט געוווסט ווי דער אַלטער הייסט און ווי דאָס יינגעלע הייסט. איינס האָט מען באַמערקט, אַז דער אַלטער זידלט זייער שטאַרק דעם קליינעם און באַציט זיך צו אים נישט ווי צו אַן אייגענעם. דאָס יינגעלע איז געווען אַ שטילס. אַ חוץ "שענקט מיר אַ נדבה" - האָט ער קיין אַנדער וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט. אין שטעטל האָט מען גרויס רחמנות געהאַט אויפן קינד און עס גערופן "דאָס יינגעלע פונעם הקדש".

די צייט איז געגאַן. ווען דאָס יינגעלע איז אָלט געוואָרן פופצן איז דער אַלטער אָפּגעשטאָרבן און דאָס יינגל האָט זיך באַוויזן אין שטעטל אָן דעם אַלטן. פונקט ווי פריער האָט ער געבעטן נדבות.

ער איז נאָך אַלץ געווען קליין און דאַר. מ'האָט ווייטער פון אים קיין מאָל קיין איבעריק וואָרט נישט געהערט. ס'איז נישט געווען דאָס יאָר ער זאָל זיך נישט באַווייזן אין שטעטל. ביי די 30 יאָר האָט ער שוין אויסגעזען אַלט. געווען אַזוי פאַרוואַקסן, אַז מ'האָט קיין פּנים נישט אַרויסגעזען. איצט האָט מען אים גערופן - דער ייד פונעם הקדש.

דאָס לעצטע מאָל האָט ער זיך באַוויזן אין שטעטל ווען ער איז שוין געווען נאָך די 40 און אויסגעזען ווי אַ זייער אַלטער מענטש. דאָס איז געווען אין 1919 יאָר. אַ חוץ

דעם דאָזיקן יידן האָט זיך שוין אין יענער צייט קיין שום אָרעמאַן נישט איינגעשטעלט גיין פון שטעטל צו שטעטל. די צייט איז געווען אַ שוידערלעכע. אין רוסלאַנד איז געשטאַנען דער בירגער־קריג. אויף דער אוקראַינע, אין די יידישע שטעטלעך, האָט געווילדעוועט דער באַנדיטיזם. ס'איז נישט געווען קיין טאָג עס זאָל זיך נישט אַריינרייסן אַ באַנדע גזלנים, וואָס האָבן געהרגעט און געראַבעוועט דאָס יידישע פאַרמעגן. דאָס לעבן איז געהאָנגען אויף אָ האָר. דער ייד פונעם הקדש האָט פאַרשטאַנען די לאַגע. ער האָט שוין נישט געבעטן דאָס רייפטעלע ברויט, נאָר געזוכט אַ מיטל ווי עס צו פאַרדינען. פאַר אַ שטיקל ברויט פלעג ער אַריינברענגען אין שטוב אַריין אַ פּאָר עמערס וואַסער פונעם ברונעם, אָדער צעהאַקן אַ שטיקל האָלץ. אין דעם מאָמענט ווען ס'האָט זיך אָנגערוקט אַ געפאַר און ס'האָט זיך צעטראָגן דער אַליאַרעם רוף - "מ'לויפט!" האָט ער געהאָלפן מוטערס איבערטראָגן די קליינע קינדער פון דער שטוב אין די באַהעלטענישן. און ווען די געפאַר איז פאַרביי האָט ער געהאָלפן אַרויסשלעפן דאָס קליינוואַרג, אָדער אַלטע לייט און זיי ברענגען צוריק אין שטוב אַריין.

אין איינעם אַ ליכטיקן וואַרעמען פרילינג־טאָג האָט דער ייד פונעם הקדש געאַרבעט ביי איציק דעם מילכיקן. די באַלעבאָסטע האָט אים געשיקט צום ברונעם נאָך צוויי עמערס וואַסער. "זעסט - האָט זי אים געזאָגט - איך האָב שוין אַריינגעזעצט די קנישעס אין אויוון אַריין. ווי נאָר די וועסט זיך אומקערן מיט דעם וואַסער באַקומסטו אַ טעלער הייסע קנישעקלעך". דער ריח פון די קנישעס האָט זיך שוין געלאָזט הערן. זיי האָבן שוין ביים הונגעריקן יידן פונעם הקדש אַרויסגערופן די סלינע פונעם מויל. דעם גאַנצן וועג צום ברונעם האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פילט נאָך אַלץ דעם געשמאַקן ריח פון די קנישעקלעך. שנעל אָנגענומען די צוויי עמערס וואַסער, איז ער געלאָפן צוריק מיט אַ טאַנץ. דער טעלער פרישע קנישעקלעך איז אים שוין געשטאַנען פאַר די אויגן. אָבער ווען ער איז אַריין אין שטוב מיט די עמערס וואַסער האָט אים אויפן אָרט פון די געשמאַקע קנישעלעך אַ זעץ געטאָן אין נאָז אַ רויך. די קנישעס זיינען געשטאַנען פאַרברענטע, פאַרקוילטע. אין שטוב איז קיינער נישט געווען. אין שלאָף־צימער זיינען געלעגן צעריסענע קישנס. אין גרעסטן צימער, אין זאַל, האָט זיך אויפן דיל געוואַלגערט דאָס גאַנצע פאַרמעג, אַלע מלבישים. ס'האָט אויסגעזען אַז אין שטוב איז געווען אַ פּאָגראָם. דער ייד האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דער באַלעבאָס מיטן גאַנצן הויזגעזינד ליגן שוין אין די באַהעלטענישן. אין שטעטלע אָרודעוועט אַ באַנדע און דעם גאַנצן חושך האָט מסתמא געמאַכט דער באַלעבאָס אַליין, כדי פאַרבלענדן די גזלנימס אויגן. טאָמער וועט אַריין אַ גזלן זאָל ער מיינען, אַז דאָ איז שוין עמעצער געווען פון זיינע חברה־לייט, האָבן שוין אויסגעראַבעוועט די שטוב און ס'איז שוין דאָ מער נישאָ וואָס צו טון. דער ייד פונעם הקדש האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב, באַקלאָגט די פאַרברענטע קנישעקלעך, באַטראַכט די בגדים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אַלטער שוואַרצער זיידענער קאַפּאָטע, וואָס איז געלעגן צווישן די שמאַטעס אויפן דיל. נישט ווייט פון דער קאַפּאָטע איז אויך געלעגן אַ הויכער צילינדער. ער האָט זיך אָנגעבויגן, אויפגעהויבן די קאַפּאָטע און זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס. לויט דער קליינער מאָס האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי געהערט נישט דעם באַלעבאָס. איציק איז אַ הויכער ברייטפּלייציקער מאַן. און די קאַפּאָטע איז שוין זייער אַלטמאָדיש. "זי דאַרף זיין דעם זיידנס, אָדער אַפילו, עלטערזיידנס מלבוש, היינטיקע יאָרן טראָגט מען שוין נישט אַזעלכע זאַכן" - האָט ער אַ טראַכט געטון. אים האָט זיך פאַרגלוסט זען צי ס'פּאַסט אים זיין אַ גביר. ער האָט אַרויפגעשטלעפּט

אויף זיך די קאַפּאָטע. זי איז געווען ווי אויף אים גענייט. פּונקט זיין מאָס. ער האָט אַ קלער געטון פון איציקס זיידן. "ער האָט אויך באַדאַרפט זיין אַזאַ שמשון הגיבור ווי איך, אויב זיין קאַפּאָטע איז גוט פאַר מיר". ער האָט זיך אַ ביסל געוווּנדערט. "ווי קומט עס אַ גביר זאָל זיין אַזוי קליין און מאָגער ווי איך?"

ער איז צוגעגאַן צום שפּיגל און מיט אַ זיפץ באַטראַכט זיין אויסגעמוטשעט פּנים, וואָס איז אַזוי פרי אַלט געוואָרן. "מאָדנע - האָט ער געזאָגט צו זיך - ביסט נאָך קיין 45 נישט אַלט און זעסט אויס ביי די זיבעציקער. דאָס בערדל דיינס איז גראָ, האָסט שוין כמעט קיין האָר נישט אויפן קאָפּ. דאָס בינטל האָר איז צונויפגעקלעפּט ווי קליאַטשע".

נישט געקוקט אויף די שווערע מחשבות האָט ער פון דעסטוועגן גענומען דאָס קעמל, וואָס איז געלעגן נעבן שפּיגל און געמיט זיך צעקעמען די פאַרפּלאָנטעטע האָר פונעם קאָפּ און פונעם בערדל. אים האָט זיך געדאַכט, אַז נאָכן פאַרקעמען זיך זעט ער אויס א ביסל יינגער. איצט האָט ער געוואָלט וויסן ווי גייט עס אים דער צעלינדער. אַרויפגעשלעפּט אויפן קאָפּ דעם צילינדער, האָט ער ווידער גענומען זיך שפּיגלען. ער איז געשטאַנען אַנטקעגן שפּיגל און זיך אַוועקגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט. באַקלערט ווי אַזוי וואָלט ער געלעבט ווען ער איז אויף דער אמתן אַ נגיד. ער וואָלט שטענדיק געווען זאַט, געשלאָפן אויף אַ ריין געלעגער און אפשר גאָר חתונה געהאַט, פאַרמאָגט אַ משפחה. ער איז אַזוי פאַרטיפט געוואָרן אין זיין טרוים, אַז ער האָט נישט געהערט און נישט באַמערקט דעם גזלן, וואָס איז אַריין אין שטוב, ער האָט אים דערזען אין שפּיגל, ווען יענער איז שוין געשטאַנען הינטער זיינע פּלייצעס, געשטאַנען אַזוי נאָענט, אַז ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום גזלן האָט דעם באַנדיטס ביקס, די דולע, שוין אָנגעשפּאַרט ביים יידן אין בערדל.

"דאַווי, זשידו זאָלאָטאָ, - גיב זשיד דאָס גאָלד! - האָט דער גוי שטערנג באַפוילן. "ווו זאָל איך דיר נעמען גאָלד?" - האָט אים מיט אַ שמייכל געענטפערט דער ייד. נאָך דעם ווי דער גוי האָט אַראָפּגעלאָזט אויף אים צוויי מאָל דעם פּריקלאַד פון דער ביקס, האָט ער שוין מער קיין פראַגן נישט געשטעלט, ער האָט גענומען שרייען: "דאַם' דאַם!" "איך וועל געבן" - און זיך אַ וואָרף געטאָ כלומרשט זוכן גאָלד. ער איז געקראָכן מיט די הענט אין די צעריסענע קישן און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט אַלע פעדערן. דער גזלן איז געשטאַנען נעבן אים מיט דער אויסגעשטרעקטער ביקס. ווען דער ייד האָט גאָרנישט אַרויסגעשלעפּט האָט דער גוי ווידער אַ מאָל אים דערלאַנגט אַ פּאָר קלעפּ מיטן פּריקלאַד. דאָ איז שוין דער ייד אומגעפאַלן פאַרחלשט. דער גוי איז איבערראַשט געוואָרן. טאָמער גיט אָפּ דער ייד גאָט די נשמה, בלייבט ער אָן דעם גאָלד. דער גזלן האָט גענומען מינטערן דעם ייד אים געהייסן אַרויסנעמען דאָס גאָלד פון דאָרט ווו ער האָט עס אויסבאַהאַלטן. דער ייד האָט גענומען זוכן אין די שופלעדלעך פון אַלע שאַפעס, געקראָכן אונטער די בעטן, און נאָך יעדן דורכפאַל האָט ער באַקומען שווערע קלעפּ. "איך האָב פאַרגעסן ווו איך האָב פאַרבאַהאַלטן דאָס גאָלד - האָט ער געזאָגט - לאָז מיך זוכן".

ער האָט זיך אומגעטראָגן פון איין צימער אין אַנדערן, זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, געמאַכט אַן אָנשטעל אַז ער זוכט, נאָר ער קען נישט געפינען. דער גוי איז אים נאָכגעגאַן פוסטריט און אַלע מאָל אַראָפּגעלאָזט אויף אים דעם פּריקלאַד. די קלעפּ זיינען געווען נישט צום אויסהאַלטן, און ער האָט שוין בעסער געבעטן אויף זיך דעם טויט. פון דעסטוועגן האָט ער געפרוווט אַ ביסל אָפּציען דעם טויט. "אָ, איך האָב זיך דערמאָנט - האָט זיך דער ייד אַ כאַפּ געטון ביים קאָפּ, - איך האָב פאַרבאַהאַלטן דאָס

גאָלד אין דרויסן". דער גזלן האָט אים, אונטער דער ביקס, אַרויסגעפירט אין דרויסן. "נו, דאָ איז שוין מיין סוף, - האָט אַ טראַכט געטאָן דער ייד - אין שטוב האָב איך נאָך ווי עס איז געקענט פירן דעם גזלן ביי דער נאָז, אָבער ווו זוכט מען גאָלד אין דרויסן?" דער גוי האָט שוין געהאַלטן ביים אַראָפּלאָזן אויף אים דעם פריקלאַד ווען דער ייד האָט אַ געשריי געטון: "אָט אָ דאָ אָ". ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ באַרג מיסט ביי דער שטוב. דאָס איז געווען אַ גרוב, ווו די באַלעבאָסטע אין משך פון יאָר געשיט דאָס מיסט און פונעם גרוב האָט זיך שוין באַקומען אַ בערגל. "לאָז מיך גיין אויסזוכן די לאָפּעטע - האָט ער געזאָגט צום גוי - איך קען דאָך נישט גראָבן מיט די הענט". דער גזלן איז אים נאָכגעגאַן אין קלוניע אַריין זוכן די לאָפּעטע. געפונען די לאָפּעטע האָט דער ייד גענומען גראָבן דאָס בערגל. ער האָט פּאַמעלעך צעשאַרט דאָס מיסט און אַלץ געטראַכט, אַז אויף קיין סך צייט וועט ער דאָ דעם טויט נישט אָפּציען. סוף כל סוף וועט אים דער גזלן צעשיסן. דער גוי האָט אים אונטערגעטריבן גראָבן אַ ביסל שנעלער און אַלע מאָל אַראָפּגעלאָזט אויף זיין פּלייצע דעם פריקלאַד. דער ייד האָט אָנגעהויבן גראָבן שנעלער און זיך אָנגעשטויסן מיט דער לאָפּעטע אין עפּעס אַ האַרטער זאַך. די לאָפּעטע האָט דערגרייכט אַ בלעכענע פּושקע. דער גוי האָט זיך דערפרייט און אים אויפגעהערט שלאָגן, נאָר אונטערגעטריבן. ווען די פּושקע איז שוין געווען האַלב פון דער זייט, האָט דער גוי זיך אַזוי דערפרייט מיטן גאָלד, אַז ער האָט זיך אויף אַ רגע פאַרגעסן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום גרוב, זיך איבערגעבויגן כדי אַרויסשלעפּן די פּושקע גאָלד מיט די אייגענע הענט. אין דעם מאָמענט האָט דער ייד פונעם הקדש אַ הייב געטאָן די לאָפּעטע און מיט דער שאַרפער זייט זי אַזוי שווער אַראָפּגעלאָזט אויפן גויס קאָפּ, אַז יענער האָט זיך שוין פון גרוב נישט אויפגעהויבן.

---

(סוף ז' 48)

אין דער אַטאָמישער עלעקטראָסטאַנציע און אַ מעכטיקער גיפטיקער וואָלקן ווי אַ שוואָם האָט זיך אויפגעהויבן הויך אין הימל. אַ ווינט האָט פאַרשלעפּט דעם גרעסטן טייל וואָלקן צו דער זייט פון האָמעל און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער שטאָט און געגנט.

פאַר מיינע אויגן האָט זיך באַוויזן דאָס בילד פון דעם אַטאָמישן אויפרייס אין היראָשימע און נאַגאַסאַקי אין דער צווייטער וועלט-מלחמה; די בילדער מיטן שוואָמען-וואָלקן אינדערלופטן, וועלכע מע האָט נישט איין מאָל געזען אין טעלעוויזיע אָדער אין די צייטונגען איז אוממעגלעך צו פאַרגעסן.

די אָנפירונג פון דער מאַכט האָט וועגן דאָס אַלץ געוווסט, ווי אויך וועגן דער געפערלעכער ווירקונג פון דעם גיפט אויף דער באַפעלקערונג, און כמעט אַ וואָך צייט געשוויגן, געשוויגן האָבן די צייטונגען, געשוויגן האָט די ראַדיאָ, געשוויגן וועגן דעם האָט די טעלעוויזיע. בלויז אַ קליינע צאָל מענטשן האָט געוווסט וואָס עס האָט פּאַסירט, די שטאָטישע און געגנטלעכע "פּאַראַנטפאָרטלעכע" פירער האָבן זייערע קינדער תיכף געהיים אַריבערגעפירט אין באַשיצטע ערטער, ווייט פון די פאַרגיפטעטע געגנטן, און אַ טייל פון זיי האָבן אַליין אויך פאַרלאָזן די שטאָט. אויף דער מאַי־דעמאָנסטראַציע האָבן פיל מענטשן ווי שטענדיק, אָנטייל גענומען מיט זייערע קינדער, ניט ווויסנדיק אַז מיט דעם פאַראורטיילן זיי זיך און זייערע קינדער אויף פאַרשיידענע חולאתן וואָס קענען פאַרקירצן זייער לעבן. אמת, עס זענען גלייך אָנגענומען געוואָרן שריט מיט מעדיצינישע הילף. יעדער בירגער האָט באַקומען איינשפּריצונגען, אָבער דעם שאָדן פאַר די פאַרשוויגענע טעג פונעם אויפרייס האָבן נישט געוווסט ניט די דאָקטוירים און נישט די באַפעלקערונג.

חיים פיעקאַזש / תל־אביב

## צבי אייזנמאַן – דער שרייבער פון איינזאַמקייט

"די ווייזערס לויפן, לויפן..." איז דער נאָמען פון אייזנמאַנס בוך, וואָס איז לעצטנס אַרויס אין ישראל. אין בוך גייען אַריין קורצע, אָפט מאָל מיניאַטורישע דערציילונגען און בילדער, איינגעטיילטע אין דריי טיילן: אַ / דער ניגון און דאָס וואָרט, ב / צווישן די רעדער פון לעבן, ג/ די גאָלדענע עלטער. לויטן אינהאַלט קענען די שאַפונגען ווערן באַצייכנט ווי רעאַליסטישע, פאַנטאַסטישע און אויך אַזעלכע, וואָס זיינען אַ געמיש אָדער צונויפשמעלצונג אין וועלכעביידע קאָמפּאָנענטן – דאָס רעאַלע און פאַנטאַסטישע ווירקן איינער אויף דעם אַנדערן, אַזוי אַז דאָס בילד וואָס באַקומט זיך איז רייכער, קלאָרער און פילבאַרער.

אין פיל אַספּעקטן קאָן דאָס בוך פאַררעכנט ווערן ווי אַ פאָרזעצונג פונעם זעלבן מחברס בוך "ביים ראַנד פון חלום". די ענלעכקייט געפינען מיר סיי אין דער טעמאַטיק און סיי אין דער קינסטלערישער פאָרעם. לייענדיק בין איך אויף ס'ניי איבעראַשט געוואָרן פון די צאָלרייכע מעטאַפאָרן, אַליגאָריעס, פּערזאָניפיקאַציעס און ריטעם פון די זאַצן. טייל מאָל האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך לייען פּאָעזיע אין אַ גערעם פון פּראָזע, אין וועלכע די גראַמען פלעכטן זיך אַריין נאַטירלעך ווי אַ נייטיקער באַשטאַנד־טייל.

ווען מיר באַטראַכטן דעם אינהאַלט פון ס'רוב רעאַליסטישע דערציילונגען אין בוך ווערט קאַלעמוטנע אויפן הארץ. די פאַרשידענע געשטאַלטן, וואָס ווערן געמאָלט אין זיי, האָבן זייער ספּעציפישע פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט אויסגעפאָרעמט זייער לעבן אין דער קעגנוואָרט. זיי קענען זיך נישט באַקלאָגן אויף סאָציאַלע פּראָבלעמען. עס פעלט זיי נישט אויס קיין ברויט, אָדער אַ דאַך איבערן קאָפּ. אָבער אַלע אָן אויסנאַם ליידן און ווייטיקן דעם צער, וואָס דער גורל האָט זיי צוגעטיילט – זיי ליידן פון איינזאַמקייט. דאָס געפיל פון זיין אַליין אין אַן אַרום פון אַ רוישיקער געזעלשאַפט דריקט אויף זייער געמיט און פאַרפּולט זייערע ווענזס. פאַרשידן זיינען די סיבות, וואָס האָבן דערפירט צו דעם מצב. פאַר אַ טייל זיינען דאָס טראַגישע איבערלעבונגען אין דער צייט פון גרויסן חורבן פון אונדזער פאָלק, זכרונות, וואָס לאָזן זיך נישט אויסמעקן, צעשטערן זייער גייסטיקן גלייכגעוויכט. זיי לעבן מיטן נעכטן און קענען זיך פון אים נישט באַפרייען.

צבי אייזנמאַן ווייזט אַרויס טיפע אימפּאַטיע צו זיי, צו די ניצולי השואה, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דעם דערנער־וועג פון אומקום און זיינען מיט נסים געבליבן לעבן. ער קען זיי גוט, זיי זיינען אים נאָענט, ווייל אויך ער איז אַ ניצול־השואה, וואָס האָט פאַרלוירן זיין משפחה אין פאָלקס־חורבן. אים איז נישט פרעמד דאָס מאַטערנדיקע געפיל פון איינזאַמקייט. מיט זיין אינערלעכן "פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט" געפינט ער די ליידנדיקע אין דער געזעלשאַפט און "פאָטאָגראַפירט" זיי, כאַפּט אויף דאָס עיקרדיקע, דאָס וועזנטלעכע, וואָס באַצייכנט זייער נשמה.

טיף רירנדיק איז די דערציילונג "דער פויגל". אַן איינזאַמער ניצול־השואה (מעגלעך דער שרייבער) האָט זיך איינגעהאַנדלט אַ פויגל, וואָס זאָל לינדערן זיין עלנטקייט. איין מאָל אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט, אין דער שטילקייט פון אַרום, הערט ער ווי דער פויגל רופט אַ נאָמען, אַן ענלעכן צו "רבקהלע", אין אַ ליטוויש־יידישן דיאַלעקט. זאָגט ער ווייטער: ווי צו דער מאַמען, זיי האָבן דיך דערשאָסן, געקוילעט, אין אַ גרוב געוואָרפן, שוועלבעלע מיין". דער פויגל איז נעלם געוואָרן און "די שטוב איז צוריק איינגעזונקען

געוואָרן אין איר פריערדיקער מרה שחורה, וואָס נעמט אַוועק דעם חשק זיך אָנצוטאָן, גיין אין גאַס און קומען צווישן מענטשן".

דאָס איז בלויז איין דערציילונג פון בערך צען, אין וועלכע עס ווערן באַהאַנדלט די איינזאַמקייט פּראָבלעמען פון לײַדנדיקע ניצולי השואה. אָבער די טעמע קומט צום אויסדרוק אויך אין דערציילונגען, אין וועלכע די געשטאַלטן לעבן איבער ליבע־טראַגעדיעס, צעשיידונג פון נאָענטע, פאַרלוירענע חלומות. די לײַדנדיקע ראַנגלען זיך מיט דעם שווערן פּסיכאָלאָגישן מצב און באַמיען זיך אויף פאַרשידענע אופנים צו באַפרייען פון דער דריקנדיקער לאַסט מיט דער האָפענונג דורכצוברעכן די וואַנט פון עלנטקייט.

אין דער דערציילונג "די פידלערין" האָבן די באַמיונגען נישט געהאָלפן. נאָך לאַנגע יאָרן פון אַ מוזיקאַלישער קאַריערע האָט זיך די באַגאַבטע פידלערין אַרומגעזען, אַז זי איז אַליין. זי ווייסט, אַז קינדער איז שוין צו שפּעט פאַר איר צו ברענגען אויף דער וועלט. איר ציל איז איצט צו געפינען אַ פרײַנד, אַ בן זוג. זי פאָרט קיין ישראל זיך צו טרעפן מיט אַ רעקאָמענדירטן מאַנספּאַרשוין. דער שידוך איז נישט צושטאַנד געקומען און איר האָפענונג איז צערונען געוואָרן. זי נעמט זיך דאָס לעבן.

דאָס איז אַ טראַגישע לייזונג פון אַ דעפּרעסיווער איינזאַמקייט.

"באַלאַדע פון אַן עלנטן" – אַ קורצע שאַפונג וועגן צוויי עלנטע פרײַנד. ביידע זענען געוואָרן בעל־תשובות, געמיינט, אַז דאָס וועט זיי "ראַטעווען" פון אַליינקייט. עס האָט זיי אָבער נישט געהאָלפן. גבריאל האָט ווײַטער געטראָגן אין זיך די פײַנלעכע משא. רחמיאל, אַ מער אַקטיווער, האָט זיך שוין פון לאַנג אָפּגעגאָלט די באָרד, געזוכט אַ טרייסט אין ביכער, מאָלערײַ, און צום סוף האָט אים זײַן עלנט "געפירט אין שענק צו דערטרינקען איר אין ווײַן". ווען אַלע מיטלען האָבן קיין דערפאָלג נישט געהאַט האָט ער זיך באַפרייט פון זײַן אומדערטרעגלעכער פּײַן אין שטורמישן ים.

אַ בעסערע לייזונג געפינען מיר אין דער דערציילונג "ראָמאַנצעראָ". צוויי פּערזאָן וווינען אין באַזונדערע צימערן אין אַן עלטערן־הויז. ער איז אַן אַלמן, זי אַן אַלמנה. ביידע האָבן געוווינט אַ מאָל אויף דער זעלבער גאַס, אָפּגעלעבט אַ לעבן־לאַנג מיט קינדער און אייניקלעך און געבליבן אַליין. זיי האָבן זיך באַגעגנט ערשט דאָ, אין עלטערן־הויז, זיך דערנענטערט איינער צום צווייטן, געגאַנגען מיט זייערע אָנלען־שטעקנס שפּאַצירן אין נאָענטן פּאַרק, געהאַט פאַרגעניגן בלויז האַלטנדיק זיך ביי די הענט און זיך אומגעקערט צו זייערע באַזונדערע צימערן, צום באַדויער פון זייערע שטעקן־באַגלייטער, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן זיך נישט צעשיידן. די שטעקנס נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער דערציילונג. זיי באַוועגן זיך, זיי טראַכטן, פאַרשטייען, וואָס עס געשעט און נעמען אָן אַ שטעלונג צו אַלץ, וואָס קומט פאָר צווישן די צוויי עלטערע מענטשן. דאָס זײַנען וווּנדערשיינע פּערזאָניפיקאַציעס, וואָס מאַכן בולטער די געשילדערטע בילדער און נישט דערזאָגטע געדאַנקען פון שרײַבער.

אויך אין אַנדערע רעאַליסטישע דערציילונגען מאָלט דער שרײַבער געשטאַלטן אין פאַרשידענעם עלטער, וואָס לײַדן פון פּײַנלעכע זכרונות און אַליין זײַן. אין דעם בוך איז אָפּגעגעבן פאַרהעלטנישמעסיק מער אָרט דעם "גיל הזהב". די בילדער פון איינזאַמקייט זײַנען שווערע, די פאַרבן גרויע, טונקעלע, ענדלאָז אומעטיקע, און די האָפענונגען אויסגעלאָשענע. זעט אויס, אַז זיי זענען באַאײַנפלוסט געוואָרן פון מחברס אייגענע "ווייזערס, וואָס לויפן שנעלער, שנעלער פון די פּיס".

דאָס בוך איז אויך רײַך מיט פאַנטאַסטישע מעשהלך. צבי אייזנמאַן באַגרענעצט זיך

נישט בלויז צו מענטשלעכעליידן. דורך זיינע אינערלעכע ברילן זעט ער אויך איינזאַמע געוויקסן, ליידנדיקע בעלי־חיים, נאַטור־אָביעקטן און דערשיינונגען. מיט זיין כח־הדמיון דרינגט ער אַריין אין זייערע "נשמות" און עס באַקומען זיך פֿאַנטאַסטישע מעשהלעך, ענלעכע מיט זייער זעלבשטענדיקן כאַראַקטער צו די רעאַלע שילדערונגען. אַ טייל פון זיי קאָנען ווערן אויסגעטייטשט ווי אַלגעאָריעס, אָבער דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס די "פּראָבלעמען" אין זיי זיינען בשותפודיק מיט די מענטשלעכע פּראָבלעמען.

אַ כאַראַקטעריסטישע דערציילונג פון דעם זשאַנער איז "דער בוים און דערווינט". דער בוים איז פאַרוואָגלט געוואָרן פון זיין היים, אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיין נאַטירלעכן וואַלד. אין זיין נייעם אָרט איז ער עלנט, אַליין. די פרעמד שרעקט אים, די ביימער אַרום באַציען זיך צו אים שלעכט. ער בענקט אָן אויפהער און ער בעט ביים ווינט ער זאָל אים צוריקברענגען אַ היים. דער ווינט האָט אים צוגעזאָגט, אָבער זעט אויס פאַרגעסן. עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך צו זען דאָס מעשהלע ווי אַ משל־אַלעגאָריע. צבי אייזנמאַן איז נישט קיין משל־שרייבער. די, וועלכע האָבן געשריבן משלים האָבן געהאַט אין זינען צו דערציען און בעסער מאַכן דעם מענטשנס אייגנשאַפטן. צבי אייזנמאַן איז נישט קיין דערציער, קיין וועגווייזער.

"איך בין"... אַ קורץ מעשהלע. וואָס קלערן וועגן זיך די ערד, דער טייך און דער באַרג? יעדער פון זיי שטאָלצירט מיט זיין גרויסקייט, וויכטיקייט, כוח און אויפטועון. נאָר דער באַרג דער ריז פילט זיך איינזאַם און בענקט נאָך דעם וויכן, גרינעם טאָל. אַלע פאַרגעטערן אים, אָבער ער, אין זיין עלנט, ציט צום מענטשלעכן גערודער, צו בלומען און ביימער. און ווען קיינער זעט נישט, ביינאַכט, "צעכליפּעט ער זיך אין געוויין".

קען זיין, אַז דאָס מעשהלע איז אַ משל - צי אַלעגאָריע וועגן מענטשן, וואָס קלעטערן אַרויף צו דעם העכסטן שטאַפּל פון געזעלשאַפטלעכן לייטער און האַלטן זיך גרויס מיט זייערע דערגרייכונגען. נישט אַלע פון זיי זיינען אין דער אמתן גליקלעך. עס טרעפט אויך, און נישט זעלטן, אַז עמעצער פון זיי ליידט אין דער שטיל פון איינזאַמקייט. אין דער פאַנטאַזיע פון שרייבער ליידט דער ריזיקער באַרג פון דעם זעלבן מענטשלעכן קאָמפּלעקס.

פאַראַן, ווי באַוווסט, אין דער ליטעראַטור אַ פאַנטאַזיע־זשאַנער. די שרייבער פון דעם סאָרט שאַפונגען באַנוגענען זיך נישט מיט אונדזער רעאַלערווירקלעכקייט. עס איז זיי צו ענג אין איר, אָפט מאָל צו פיינלעך, און זיי אַנטלויפן פון איר אין אויסגעחלומטע, באַצויבערנדיקע, וווּנדערלעכע וועלטן, אין וועלכע אַלץ איז מעגלעך.

צבי אייזנמאַן האָט זיך אין זיינע איראַציאָנעלע שאַפונגען נישט דערווייטערט פון אונדזער "וועלטל", נישט פאַרשענערט עס און נישט פאַרבעסערט עס. דורך דער פּריזמע פון זיין געמיט און כוח־הדמיון האָט ער אַלץ וואָס געפינט זיך אין דאָזיקן וועלטן באַהויכט מיט אַ "מענטשלעך פנים", באַקליידט מיט מענטשלעכע אייגנשאַפטן און פיין, אָבער נישט דווקא זיי זאָלן אים דינען ווי אַ קינסטלעריש מיטל, נאָר אין זכות פון זייער אייגענעם קיום. און אַזוי געשעט, אַז נישט נאָר דער מענטש זאָל זיין אָנגעפילט מיט צער און פיין, נאָר אויך אַלץ אַרום אים.

ווי דערמאָנט, לויפן די ווייזערס אויך ביים מחבר שנעלער ווי די פיס. צום גליק איז ער באַשאָנקען געוואָרן "מיט פליגלען פון טאַלאַנט, וואָס דערמעגלעכן אים אָנצוגיין מיט זיין אייגנאַרטיקן יחידישן נוסח אין אונדזער ליטעראַטור. מיר ווינטשן אים לאַנגע און שעפעריש־פּרוכטיקע יאָרן, ווי אַ המשך פון זיינע ביז איצטיקע דערגרייכונגען.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

**משה אײַזענבוד**: "פּנינה און אַנדערע דערציילונגען", מעלבורן, אויסטראַליע 2006. אינעם בוך פון 190 זז, קומען אַריין אַן ערך דרייסיק קורצע דערציילונגען. משה אײַזענבוד, וועלכער לעבט אין אויסטראַליע זינט 1950 און איז דאָרט אַקטיוו אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז דער מחבר פון אַ צאָל פּראָזע־ביכער, עסייען און בראָשורן. ער איז אַ קרעפטיקער דערציילער און זיין פּראָזע לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס.

*

"**טאָפּלפּונקט**" נומ, 10, פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפטלעכע פּראָגעס, אַרויסגעגעבן דורך דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פאַר יידישער קולטור, תל־אביב, ווינטער 2006. רעדאַקטאָר: **ישראל רודניצקי**. דער נומער פון 132 זז' גרויסער פאָרמאַט, איז רייך אילוסטרירט מיט צייכענונגען און מאָלערייען פונעם קינסטלער **נחום גוטמאַן**.

*

"**אויפן שוועל**", געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער זשורנאַל, אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע, ווינטער־פרילינג 2006, ניו־יאָרק. רעדאַקטאָר: **שבע צוקער**. אַ גרויסער טייל פונעם נומער איז געווידמעט דעם 90־סטן יאָרצייט פון י.ל. פּרץ.

*

"**אונדזער צייט**" נומ, 10-12, ניו־יאָרק. אָרגאַן פונעם וועלט־קאָאָרדינירקאָמיטעט פון בונד. דער זשורנאַל עפנט זיך מיט "אַ בריוו צו די לייענער", אין וועלכן ער איז מודיע "מיט אַ שווערן געמיט", אַז דאָס איז דער לעצטער נומער פון "אונדזער צייט". אַזוי איז אונטערגעגאַנגען נאָך איין יידיש־פּאָזיציע...

*

"**לעבנס־פראַגן**", סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפט און קולטור. תל־אביב, מאַי־יוני 2006, רעדאַקטאָר: **יצחק לודען**.

*

"**יידישע העפטן**", יוני 2006 פאַריז. רעדאַקטירט פון אַ קאָמיטעט.

*

"**צום פּונקט**", יידיש פון גרויס וואַשינגטאָן, ווינטער־פרילינג 2006, צוויי־שפּראַכיקער בולעטין. רעדאַקטאָר פון יידישן טייל: **מאַרק האַרצמאַן**, רעדאַקטאָר פון ענגלישן טייל: **שעלבי שאַפּיראָ**.

*

"**דאָס יידישע וואָרט**", "Slowo Zydowskie", יידיש־פּוילישע צייטשריפט, אַרויסגעגעבן דורך דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן, וואַרשע 2006. רעדאַקטאָר פון פּוילישן טייל: **זביגניעוו סאַפּיאַן**; רעדאַקטאָר פון יידישן טייל: **געניע בערגער**.

# כראָניק פון יידישן קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס

## פרילינג־זומער 2006

* דעם 26־סטן מערץ 2 נ"מ האָט די יונגע יידישע לערערין און קולטור־דירעקטאָר פון "יידישקייט ל.א." **חנה פּאַלין** דערציילט וועגן אירע באַגעגענישן און שמועסן מיט רעשטלעך לעבן־געבליבענע ליטווישע יידן. נאָך דער לעקציע - אַ מוזיקאַלישער פּראָגראַם.

* זונטיק דעם 9־טן אַפּריל 2 נ"מ, צונופקום געווידמעט דעם יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און די זעקס מיליאָן קדושים, אָרגאַניזירט דורך דעם פּאַראייניקטן קאָמיטעט פון סעקולערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין דרום־קאַליפאָרניע. נאָך די אַריינפיר־ווערטער פון **עריק גאָרדאָן** (אַרבעטער־רינג) און **לילקע מייזנער** (יידישער קולטור־קלוב), און צינדן די סימבאָלישע זעקס יאָרצייט־ליכט, איז אויסגעפירט געוואָרן אַ דראַמאַטישער פּראָגראַם א"נ "דער וואַרשעווער געטאָ רעדט צו אונדז - אַ דאָקומענטאַרע געשיכטע". דעם פּראָגראַם האָט צוגעגרייט מיט איבערזעצונגען אין ענגליש - **הערשל האַרטמאַן**, וועגווייזער פון דער "שלום־געזעלשאַפט". פּאַסיקע לידער האָט געזונגען **עריק גאָרדאָן** ביי דער פּיאַנע־באַגלייטונג פון **קאַטרין ראָו**.

* זונטיק דעם 30־טן אַפּריל 2 נ"מ האָט **משה שקליאַר** גערעדט וועגן לעבן און שאַפן פון שרייבער יצחק מאיר וויסנבערג.

* זונטיק דעם 7־טן מאַי 2 נ"מ, פייערלעכער קאָנצערט צום אָפּמערקן דעם 80־סטן יאָרטאָג זינט דעם אויפקום פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב. עס האָבן זיך באַטייליקט דער יידישער באָר א"נ "מיט געזאַנג", דיריגירט פון **קאַטרין ראָו** און דער קלעזמער־אָרקעסטער פון אַכצן אינסטרומענטן, געשטיצט פון דער "שלום־געזעלשאַפט" און דעם אַרבעטער־רינג.

* זונטיק דעם 21־סטן מאַי 2 נ"מ, לעקציע פון פּראָפּ **אַדאַם רובין** אד"ט "ציוניזם און די יידישע שפּראַך".

* זונטיק דעם 11־טן יוני 2 נ"מ, לעקציע פון **לילקע מייזנער** וועגן לעבן און שאַפן פון דער דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. דער וואָרט־קינסטלער **יעקב לעווין** האָט פאָרגעלייענט אייניקע לידער פון דער דיכטערין.

* זונטיק דעם 13־טן אויגוסט 2 נ"מ, אין זאַל פון אַבעטער־רינג, אָנדענק־פאַרזאַמלונג לכבוד די אומגעבראַכטע סאָוועטיש־יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס. דער צונויפקום איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם יידישן קולטור־קלוב, אַרבעטער־רינג און אַ ריי אַנדערע סעקולערע יידישע אָרגאַניזאַציעס. נאָך די אַריינפיר־ווערטער פון **עריק גאָרדאָן** (אַ"ר) און **לילקע מייזנער** (יידישער ק"ק), איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פּראָגראַם פון וואָרט און ליד א"נ "טיראַנען און פּאָעטן". אינעם פּראָגראַם, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן מיט נאַראַציע און ענגלישע איבערזעצונגען דורך **הערשל האַרטמאַן**, האָבן זיך באַטייליקט: **איירען בעל, עריק גאָרדאָן**, רות יודקאָוויטש, **מרים קאָראַל, יעקב לעווין, געערי מאַרגאָליס** און די חזנטע **פראַן שאַלין**.

* * *

אין פאַריקן נומ, "חשבון" איז אין דער כראָניק, צוליב אַ פאַרזען, אַרויסגעפאַלן די אינפאָרמאַציע וועגן דער לעקצע פון **בעבע לעווענטאַל**, זונטיק דעם 8־טן יאַנואַר 2006. בעבע האָט דערציילט וועגן "אונדזערע וואַנדערונגען איבער פּוילן, ליטע און שוועדן"., אילוסטרירט מיט ליכט־בילדער.

## אונדזער אבדות

## אַ וואָרט אויפֿן פּרישן קבר פֿון שמחה ליינער ז"ל

מיר זיינען היינט געקומען באַגלייטן צו זיין אייביקער רו שמחהן - דעם מאַן, געליבטן, טאַטן, זיידע און עלטער-זיידע, ברודער. מיר זיינע געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד שמחה ליינערן, דעם פּשוטן, האַרציקן, קלוגן יידישן פֿאָלקס-מענטש, וועלכער האָט אין זיין לעבנס-שפּאַן איבערגעשריטן די גרענעצן און געשפּאַנט "נאָך העכער". י.ל. פּרץ, דער קלאַסיקער פֿון דער יידישער ליטעראַטור, האָט געזען אין דעם נעמיראָווער צדיק דעם "נאָך העכער" וואָס איז געווען דאָס סאַמע מענטשלעכע. אויך שמחה און שרה, זיין פֿרוי, האָבן געזוכט און געזען דאָס מענטשלעכע - דעם מענטש, דעם יידן. און זיי האָבן פֿאַרשטאַנען אַז כדי צו פֿאַרבעסערן דעם מענטש, דעם יידן, דאַרף מען טאָן, נישט נאָר רעדן. האָבן זיי געטאָן - געטאָן און געהאָלפֿן, געהאָלפֿן אויפֿצוהאַלטן אונדזערע אוצרות, וועלכע זיינען טויזנטער יאָר געשאַפֿן געוואָרן-און שיעור נישט אונטערגעגאַנגען מיטן חורבן.

שמחה, איר האָט איבערגעגעבן צו אייערע קינדער און אייניקלעך אָט די ירושה, די ירושה פֿון יידישער פֿאַראַנטפֿאַרטלעכקייט, און אייער ליבע אָן גרענעצן צום יידישן פֿאָלק, יידישער קולטור, ליטעראַטור און אַלע אירע אָפּצווייגן. איר האָט פֿאַרשטאַנען און אויסגעקליבן אייער לעבנס-גאַנג, און שטענדיק געבליבן-שמחה!

היינט געזעגענען מיר אייך - מיר דער יידישער קולטור-קלוב אין ל"א, ווו איר זייט געווען אַ לעבנס-לענגלעכער מיטגליד, ווו אונדזער ביבליאָטעק טראָגט אייער און שרהס נאָמען. מיר געזעגענען אייך אין נאָמען פֿון דער פֿאַרוואַלטונג און רעדאַקציע פֿון "חשבון", דעם ליטעראַרישן זשורנאַל וועלכן איר האָט געלייענט און געשטיצט ביז צום סוף פֿון אייערע טעג. איר האָט ליב געהאַט און געהאַלטן טייער אונדזערע יידישע קולטור-ווערטן אין יעדער פֿאָרעם, און די ליבע איינגעפֿלאַנצט אין אייערע קינדער.

געזעגענען מיר דיך היינט און זאָגן "אַדיע" - ביסט געווען און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ ליכטיקן וועג!

## פֿימע טשעסנין ז"ל

ס'איז פֿאַרלאָשן געוואָרן אויף אייביק אַ שפּרודלדיקער קוואַל, וועלכער האָט געהייסן - פֿימאַ - ביי רחלען "פֿימקע" - ביי די קינדער, טאַטע און ביי אונדז, די פֿריינד, "אונדזער פֿימע".

...עס האָט געלעבט אַ מענטש, געאָטעמט, געאַרבעט, געשאַפֿן, געווען יונג, פֿול מיט טרוימען, געוואַקסן, אַנטוויקלט זיך - און פֿון אַ יונג יינגל אין דער שטאָט ווילנע איז אויסגעוואַקסן אַ יונגער בוים, וואָס האָט אָנגעהויבן בליען, אַרויסגעלאָזט גרינע בלעטער, געשעפּט פֿון די אַלט-נייע יידישע קוואַלן פֿון וויסן, און געחלומט...

איז דער טרוים איבערגעריסן געוואָרן - און שוואַרצע כמאַרעס האָבן פֿאַרשטעלט דעם הימל, אַ בייזער שטורעם-ווינט האָט צונישט געמאַכט די יוגנט-פּלענער און פֿאַרטראָגן דעם יונגן בחור העט וויט, אין די טייגעס פֿון רוסלאַנד, ווייט פֿון טאַטע-מאַמע, שוועסטער, ברידער און משפּחה. ווייט פֿון זיין באַליבטער היים-שטאָט ווילנע. פֿימע האָט ווייניק גערעדט וועגן "די רוסישע צייטן". טיף אין זיין נשמה זיינען פֿאַרזיגלט געווען די בילדער פֿון שניי-וועגן, פֿון ווייטע פֿעלדער און וועלדער, טעג פֿון הונגער.

פימע האָט אָנגעהויבן זיין נייעם קאַלענדאַר פון איצט, פון צוריק געבוירענעם טאָג, פון דעם "נאָכאַלעמען". דורך צוריק געפינען די שוועסטער, אונדזער טייערע סאָניע, איז ער אָנגעפילט געוואָרן מיט דער גייסטיקער ענערגיע פון "ווידערגעבורט", פון דערגאַנצן זיך, פון פאַרפילן די בלויזן פון דער אַוועקגעגאַנגענער צייט.

ווען מיר האָבן פימען באַגענט, איז ער געווען אין די אויפבלי־יאָרן, צוזאַמען מיט זיין רחלען־ראָסיטאַ. געווען איז עס אין דער היים פון רחלס מומע און פעטער, דעם יוניאָן - טוער סטענצער. אין זייער גאָרטן פלעגן מיר זיך פאַרזאַמלען אין די מיטל פופציקער יאָרן, פאַרברענגען נאָכמיטאָגס מיט פאָליטישע דיסקוסיעס, דערמאָנונגען, לידער. מיר האָבן זיך דאָרט באַקענט מיט אַ גאַנצער פליעיאַדע געזעלשאַפטלעכע טוער. דאָרט פאַרזייט די זוימען פון פריינדשאַפטן, וועלכע זיינען געבליבן ביזן היינטיקן טאָג. געשאַפן אַ רינג פון אַן אַמאָליקער קייט, און דער רינג איז געליבן. פימע איז אַקטיוו געוואָרן אין פאַראייביקן אונדזער חורבן אין דעם פּראָיעקטירטן מוזעום ביי דער יידישער פעדעראַציע. ער איז געווען אינסטרומענטאַל אין דער אַרכיטעקטור פון דעם ערשטן מוזעום. ער איז געווען אַ פעיקער קינסטלער און צוזאַמען מיט רחלן האָבן זיי שפּעטער געאַרבעט אין צעראַמיק.

זיין טיפע ליבע צו דער יידישער שפּראַך און קולטור, זיין קענטעניש פון די יידישע ווערטן, נייע און אַלטע, האָט אין אים געבוירן דעם ווילן צו ווערן אַ יידישער לערער, און אַ געבענטשטער דערצו. ער האָט געאַרבעט אין די "שלום" שולן. געשאַפן אַן אינטערעסאַנטן קוריקולום, און נאָך דעם געשאַפן אַ לייען־קרייז, פון וועלכן מיר האָבן איצט אין אונדזער יידיש־סעקולערער געזעלשאַפט יונגע טוער, וועלכע פאַרנעמען פּאָזיציעס אין יידישן לעבן. ער איז שטאָלץ געווען פון זיינע שילער, זעענדיק זיי ביי דער יידישער קולטור־אַרבעט.

און פימע איז געווען דער פאַמיליע־מענטש, דער געליבטער מאַן, טאַטע. זייער הויז איז געווען אַ וואַרעם ווינקל, אָנגעפילט מיט יידישער מוזיק, יידישע ביכער, קונסט־שאַפונגען. ביידע באַליבטע קינדער און זייערע פאַמיליעס האָבן פימען געגעבן די גרויסע סאַטיספאַקציע פון "היים". פימע איז אויך געווען אַ טיף נאַציאָנאַל־געשטימטער ייד, מיט ליבע צו דעם לאַנד פון זיינע און אונדזערע אור־זיידעס. ער איז שטאָלץ געווען מיט ישראלס דערגרייכונגען און באַאומרויקט פון די פעלערן.

ער איז געווען... ווי שווער איז אַרויסצוזאָגן די ווערטער־ער איז געווען... ער האָט לאַנג און מוטיק געקעמפט מיט זיין קראַנקהייט, ער האָט קיין מאָל זיך נישט באַקלאָגט, אַ שמייכל איז שטענדיק געהאָנגען אויף זיינע ליפּן. און לסוף איז ער פאַרגאַנגען, מיר האָבן אים פאַרלאָרן. אין יעדן אָנהייב איז דאָ אַ סוף־אָבער צווישן אָנהייב און סוף איז דאָ אַ מיטן - און אין דער מיטן איז געווען פימעס לעבן. וועל איך אים געזעגענען מיט די ווערטער פון דער פּאָעטין מלכה טוזמאַן, וועלכע זאָגט:

"מיין פריינד - ס'איז וואָר
דו קענסט שוין מער דיין האַנט מיר נישט דערלאַנגען-
אָט ערשט, אָט ערשט ביסטו געווען - שטאַרק געווען,
מען זאָגט - דו ביסט פאַרגאַנגען".

**לילקע**

מרים קאָראַל

# אַ מאַן און זיין לשון

*געשריבן צו פּימעס 80־סטן געבוירן־טאָג*

אַ מאַן און זיין וואָרט
קען מען צעשיידן;
פון זיין משפחה, זיין היימלאַנד,
זיין נאָענטסטער חברה,
זיין אינטימסטן טרוים,
קאָן מען מיט כוח אים אָפּזונדערן,

נאָר אָפּזונדערן פון זיין לשון
קאָן מען אים ניט.
עס פאַרוואָרצלט זיך ווידער
און די פאַרלוירענע וואָרצלען
שלאָגן זיך דורך אויף דאָס ניי.

עדות איז יעדער,
וואָס קומט שפּעטער אַנטקעגן דעם מאַן,
(צופעליק אָדער מיט אַ פאַרבלאָנדזשעטער כוונה)
דעם בלישטשען פון די שמייכלענדיקע אויגן –
דעם אָפּגלאַנץ, וואָס איז דער נוסח דער גאַנצער
און איז שיעור ניט נעלם געוואָרן.

יעדער וואָס האט דעם כבוד זיך צו דערנענטערן,
ווי אַ צאָל מענטשן, וואָס האָבן אים
צוויי מאָל אַ חודש אַרומגערינגלט,
דערוואַרעמט זיך
פון דעם פלאַקער פון זיין האַרצן;
דער איבערגעגעבענער ליבע,
וואָס געדולדיק שפּרודלט מיט לשון,
מיט מיינונג, מוט און נשמה.

ווי אַ געשאָנקענע ברכה
צאַנקט דער פינקלדיקער אָנהאַלט
צו אַ ירושה אַ צאַרטער
ביי אונדזער גרופּע, דער קליינער,
זי פלאַמט וואָס אַ מאָל העכער, וואָס אַ מאָל העלער
שוין אַ צען געבענטשטע יאָרן.

אַפּריל, 2004

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

## דער דיסטריקט קאמיטעט פון

# אַרבעטער רינג

**שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע**
**מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.**

Dear friends, we earnestly appeal to you. Join the Workmen's Circle/Arbeter Ring and help us teach and preserve Yiddish for the next generation. Please do your part. Help us grow and sustain our critically important work. As Hillel has said, "If not you, who?" Join Now!

**ARBETER RING/**
**THE WORKMEN'S CIRCLE**

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035
(310) 552-2007 **אָדער טעלעפאָנירט**

---

## דער לאָס אַנדזשעלעסער
## יידישער קולטור קלוב

***שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע***
***אונדזערע מיטגלידער און פריינד***
***בכל מקום שהם***

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

יום־טובדיקע גרוסן און ווונטשן
צו די שרייבערס, אַדמיניסטראַציע
און לייענערס פון "חשבון".
זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין
ביים פאַרשפרייטן
און פאָפּולאַריזירן די קולטור־אוצרות,
אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע
אין יידישן לשון.

**שעלבי שאַפּיראָ**
בעטעסדאַ, מערילענד

ייִדישער קולטור קאָנגרעס, ניו-יאָרק

**מאיר, נחום, לייזער ליינער**
**און משפחות**

**אין אַנדענק פון אונדזער**
**פאָטער און מוטער**

**שמחה און שרה ליינער ע"ה**

**יידישע חבורה פון פאַסיפיק פּאַליסיידס**

ווינטשט אַלעמען אַ געזונט און גליקלעך ניי יאָר,
עס זאָל זיין אַ יאָר פון שלום פאַר אַלע יידן.
לשנה טובה תכתבו.

**לי לעווענטאַל - סעק.**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד, יידיש צווייג**
**טשענקין ווייסבערג, פרעז.**

---

**בלושטיין, שרה**

---

**בענדער, סיבעל**

---

**האַדאַ, זשאַנעט און אַלען טובין**

---

**טרוים, קאַץ,**
**געווידמעט "שמחה"**

---

**לאַקס, לאה**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

**לעווין, רעגינע און יעקב,**
מיט אַ הייסן ווונטש פאַר שלום אין ישראל
און אין דער גאַנצער וועלט

---

**מאָסקאָוויטש, איציק און שרה,**
מיט ווונטשן פון מזל, געזונט און הצלחה

---

**מאַלעוויטש, פנחס און זעלדע**

---

**לעווענטאַל, לי און בעבאַ**

---

**מייזנער, לילקע,**
אין אָנדענק פון **שלמהן**

---

**מעלניק, משה און אַדינאַ**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

**סטעמפעל, טינאַ**

---

**פישמאַן, בעטי**

---

**קאַהאַן, גאָלדי**

---

**רייך, פנחס און שיינדל,**
**ווינטשן אַ יאָר פון שלום**
**אין ישראל און אין דער וועלט**

---

באַסנער, יעקב

לעווין, חיים, סעקר.
פון יידישן ק"ק, מיאַמי

מאַרגאָליס, עלי און באַסיע

סימכאָוויטש, שמחה

פערלסאָן, רחל

קאַפּלאַן, מוריי

שוואַרץ, רעניי, שיקאַגאָ

שווייצער, לאה,
אין אָנדענק פון זיסל סטערלין

שקליאַר, משה און דאָרקע